# די ליכטיגקייט אין דער פינסטערניש:




### אריינפיר:

טראץ וואס עס איז שוין אריבער עטליכע מאנאטן זינט דער היסטארישער "האריקעין סענדי" האט געכאפט א 'שפאציר' איבער די ברעגעס פון ניו יארק און איבערגעלאזט דא א מאסיוון חורבן, וועלן זיך נאך לאנגע יארן שפירן אין גאנץ אמעריקע די שווערע נאכווייען וואס דער האריקעין האט איבערגעלאזט, ספעציעל אין ניו יארק און ניו זשוירזי און די אומגעגנט, וועלכע האט געליטן א מאסיוון שאדן אין די ווערד פון צענדליגער ביליאנען דאלארן, ווי אויך א צאל טראגישע מענטשליכע קרבנות ל"ע.

היות ווי דער "הקריה" איז נישט ערשינען אין די לעצטע צייט צוליב טעכנישע סיבות, איז נאכנישט אויסגעקומען אראפצוגעבן פאר אונזערע טויזנטער לייענער די מאסיווע אפעראציע און זעלטענער ארבעט וואס איז דורכגעפירט געווארן אין די שטאט קרית יואל אין די שווערע טעג נאך וואס סענדי האט צושמעטערט די עלעקטריציטעט איינריכטונגען אין ניו יארק און איבערגעלאזט טויזנטער אידישע משפחות אין דער טונקל. אין די היסטאריע פון די שטאט איז נאכנישט געווען אזוינס אז כמעט צוויי-דריטל פון די שטאט זאל לעבן כמעט פינף טעג אין די פינסטער בדוחק ובצער, האריקעין סענדי האָט קלאר אפגעצייכנט היסטאריע.

עס איז שוין טאקע אריבער היפש א לאנגע צייט זינט יענע טעג, און דער עולם כמנהגו נוהג האט שוין געבערענגט רוב מענטשן צו פארגעסן די שווערע איבערלעבעניש, פארט האט די רעדאקציע פון "הקריה" איינגעזען די וויכטיגקייט צו פאראייביגן מיט גאלדענע אותיות, אין א ספעציעלע "ביילאגע", די הערואישע און אימערמידליכע ארבעט וואס האט ארויסגעשיינט דוקא אין דער שטאקיגער פינסטערניש, און באלויכטן נישט נאר די הייליגע שטאט קרית יואל נאר אויך טויזנטער אידישע משפחות אין גרעיטער ניו יארק.

די אומבאגרייפבארע כוחות וועלכע זענען אריינגעלייגט געווארן, סיי דורך די געטרייע ווילידזש באאמטע און סיי דורך די איבערגעגעבענע קרית יואל'ער עסקנים, ארויסצוהעלפן די טויזנטער משפחות אין זייער שווערן קלעם, וועלן בלייבן איינגעקריצט בעט ברזל ועופרת אלס פראכטפולע רינגעלע אין די גאלדענע קייט פון גמילות חסדים וואס באגלייט כלל ישראל אין דעם שווערן און ביטערן גלות.

אין די דאזיגע טעג האָט זיך גאר ספעציעל אַרויסגעצייגט דער מדת החסד וואָס איז איינגעוואָרצלט אין די שטאָט דורכ'ן מייסד הקרי' מרן רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע. ספעציעל איז געווען א נחת צו זען ווי די געטרייע וואָלונטירן פון אַלע אָרגאַניזאַציעס אין די שטאָט האבן געאַרבעט ווי איין גרויסע משפחה לטובת די תושבי העיר. עסקנים פון "חברה הצלה" האָבן געאַרבעט האַנט-ביי-האַנט מיט די עסקנים פון "מצילי אש" און "חברים", "פאבליק ווארקס" מיט "פאבליק סעיפטי", אלעס מיט איין ציל, זיכער צו מאכן בעזהשי"ת אַז קיינער איז ח"ו נישט אין קיין געפאַר און אז יעדער ווערט געהאלפן מיט אלעם וואס נאר מעגליך.

וואָס א טאָג שפעטער עס איז דורך, און קרית יואל איז נאָך אַלץ געווען איינגעהילט אין טונקעלקייט, האָט זיך בלויז מער פאַרשטארקט די חסד פעולות אַרויסצוהעלפן איינער דעם צווייטן. עס איז געווען א בחינה פון "מעט מן האור דוחה הרבה מן החושך" די צאַללאָזע פעולות של חסד, האָט געשיינט ווי די שטערקסטע פראזשעקטארס, און האָט ווי פאַרטריבן דעם פינסטערקייט וואָס האָט געהערשט איבער גרויסע טיילן פון די שטאָט.

און אויך נאך וואס דער מצב אין קרית יואל איז צוריק צו נארמאל איז מען נאך אלץ געווען טיף פארנומען מיט דער ארבעט ארויסצוהעלפן אחינו בני ישראל אין ערטער וועלכע זענען אויסטערליש שווער באטראפן געווארן דורכ'ן האריקעין, א שטייגער ווי סיגעיט, פאראקעוועי אין קווינס, אא"וו, טראץ די אומגעהויערע שוועריקייטן מיט וואס דאס איז געווען פארבינדן.

שוין אפגערעדט פון דעם געוואלדיגן קידוש השם וואס דאס האט ארויסגערופן ביי אלע אינסטאנצן און מידיא פערסאנעל וועלכע האבן מיטגעהאלטן די זעלטענע געטריישאפט און ברידערשאפט וויאזוי איין איד העלפט ארויס דעם צווייטן. דער איינדרוק דערפון וועט נישט אויסוועפן אויך נאך לאנגע יארן, און אויך נאך וואס עס איז אדורך שוין עטליכע מאנאטן זינט דאן איז עס נאך אלץ ווערד צו ווערן דאקומענטירט און באשריבן אין די "הקריה" אויסגאבע, תכתב לדור אחרון.

נאטורליך, וויבאלד עס איז שוין אריבער א היפשע צייט זינט דאן, וועלן מיר זיך נישט ארייננלאזן אין די ארומיגע נייעס פונעם האריקעין, נאר אויסדריקליך דאס וואס איז נוגע די שטאט קרית יואל און אירע הערואישע עסקנים לשם שמים. אזוי אויך בעטן מיר אנטשולדיגונג פון פאראויס אז צוליב מאנגל אין פלאץ, און די לאנגע צייט וואס איז אדורך זינט דאן, וועלן מיר נישט האבן אינעם ארטיקל די נעמען פון אלע געטרייע און איבערגעגעבענע עסקנים וועלכע האבן זיך אריינגעווארפן מיט לייב און לעבן אין די הייליגע ארבעט לטובת אחינו בני ישראל, אבער ס'איז זיכער אז דארט אויבן ווערט גארנישט פארגעסן. הפנקס פתוח ובעל הבית רושם...

אם אתה משמח את שלי אני משמח את שלך.

## זונטאג וירא, אקטאבער 28 למספרם

### מען גרייט זיך צום האָריקעין

ענדע פרשת לך האבן אנגעהויבן קומען באריכטן איבער א מאסיוון האריקעין וואס פארמירט זיך העכער'ן אטלאנטישן אקעאן, און אז די וועטער עקספערטן שאצן אז עס וועט גרייכן ביז קיין ניו יארק וואו עס וועט אנגרייפן מיט'ן פולן קראפט. די ווארענונגען האבן געלויטעט אז עס קען ברענגען שווערע פארפלייצונגען, מאכטפולע ווינטן, און דראמאטישע שאדנס צו אינדיווידועלע און פאבליק פראפערטיס.

דאס האט ארויסגערופן דעם נאטורליכן אלארם ביי די ווילידזש אינסטאנצן, און יעדער אפטיילונג האט זיך באלד גענומען צו זיין באשטימטע ארבעט, אנגעהויבן מיט די "פאבליק ווארקס" דעפארטמענט, אנגעפירט דורך דעם באגאבטן הר"ר זלמן לייב שטערן הי"ו, וועלכע האט נאכגעפאלגט איר געוויינליכן פראטאקאל צו פארזיכערן ווי ווייט מעגליך אז דער דרעינידזש סיסטעם איז ריין און גרייט אויפצונעמען די ריזיגע וואסער שטראמען; אז ס'זענען נישטא קיין שוואכע ביימער וועלכע קענען אראפפאלן ארום סענסיטיווע ערטער און אנמאכן לאנג טערמיניגן שאדן; אז עס ליגן נישט אין ערגעץ קיין גרויסע שמוץ אד"ג וועלכע קענען זיך נעמען פליען אינעם ווינט און שעדיגן מענטשן אדער חפצים; אא"וו.

ר' זלמן לייב האט אויך געלאזט ספעציעל אראפברענגען דריי גאַנצע פאַלעטס ( סקידס) מיט זאַמד זעק, וואָס מען האָט אַראָפּגעשטעלט ביי דריי ערטער אין שטאָט כדי עס צו קענען שנעל נוצן אין פאַל פון נויט אויב עס מאכט זיך א פארפלייצונג ערגעץ וואו. די דעפארטמענט איז געשטאַנען גרייט מיט אירע טרעקלעך און געצייג, און אָנגעהויבן אַרומפאָרן אין די גאַסן איבער די שטאָט, ספעציפיש די גאַסן וועלכע זענען גאָר נידריג און זענען דעריבער געווען אונטער געפאַר פון פאַרפלייצט ווערן פון די שווערע רעגנס וואָס מען האָט דאַן געהאט פאָראויסגעזאָגט.

באזונדער האָבן די געטרייע מצילי אש וואָלונטירן, אין שפיץ פונעם געטרייען איבערגעגעבענעם פירער הר"ר יושע בלומענטאל הי"ו, זיך גרייט געמאַכט מיט אַלע מעגליכקייטן. די וואלונטירן זענען צווישן זיך איבערגעגאנגען פארשידענע טרענירונג פונקטן, אין פאל פון אראפגעפאלענע עלעקטריציטעט שטאנגען און גענעראטאר עמורדזשענסיס, און די טראקס זענען אויספרובירט געוואָרן נאכאמאל יעדע איינע, זיכער צו מאכן אז עס פונקציאנירט הונדערט פראצענט, ווייל מען האָט ניטאמאל געוואוסט וואספארא סארט עמורדזשענסיס צו ערווארטן.

די מצילי אש מענעדזשמענט האט אויך זיכער געמאכט אז אלע טראקס זענען גענצליך אנגעפולט מיט וואסער בעפאר'ן האריקעין, אז מען זאל עס נישט דארפן צופיל מאל אנפילן אין די טעג פונעם האריקעין און קורצשלוס, וואס דאס וואלט מעגליך געקענט ברענגען אן ענגשאפט אינעם ווילעדזש וואסער סיסטעם און ברענגען צו א וואסער מאַנגל דוקא אין די וויכטיגסטע טעג ווען מענטשן דארפן צוקומען צו א טרינק וואַסער און אַנדערע וויכטיגע פונקציעס, דערצו אז מען קען נישט ארויסגיין פון שטוב צוליב די ווינטן.

עקסטערע כוחות זענען אריינגעלייגט געווארן דורך די הצלה פירערשאפט אין די טעג בעפאר'ן האריקעין זיכער צו מאכן אז אין פאל די עלעקטריציטעט אינעם גאנצן שטעטל ווערט אפגעהאקט, זאלן די וואלונטירן קענען אנגיין מיט א ספעציעלע טעלעפאן ליניע, דורך וועלכע עס איז ווירקליך אריינגעקומען אלע עמוירדזשענסי רופן דורכאויס די טעג פונעם האריקעין און קורצשלוס.

זונטאג נאכט האט מען צוזאמגערופן א זיצונג פון אלע חברים מיטגלידער אינעם ביהמ"ד בית דוב אויף לעמבערג, וואו מען האָט אויסגעשמועסט די אלע נויטיגע צוגרייטונגען וואס מען דארף זיך צוגרייטן צום האָריקעין סענדי, דער שלאג ווארט איז געווען: מען ווייסט נישט וואס עס וועט זיין, אָבער די חברים אָרגאַניזאַציע דאַרף זיין גרייט ווי ווייט מעגליך קעגן די ווינטן און וואַסערן.

אויפ'ן פלאץ האט מען אפגעשמועסט א וויכטיגן פונקט, אז אין פאל די ראדיא און טעלעפאן קאמוניקאציע ווערט אויסגעשאלטערט זאל מען זיך צוזאַמקומען ביים ווינקל פון מרדכי שעהר און פארעסט ראוד און דארטן וועלן אַרויסגעגעבן ווערן די באפעלן פאר די מיטגלידער. די "חברים" מיטגלידער זענען אַרויס פונעם מיטינג געשטארקט און קאמפס גרייט, יעדער האָט געטשארדזשט די סעלפאון בעטעריס און די ראדיא בעטעריס; אנגעפילט דעם קאר מיט גאַזאָלין; און געמאכט אלע צוגרייטונגען צו קענען העלפן אידן. מען האָט אויך אָנגעפילט די פּראָוויזאָרישע קאַנעס פון די חברים מיטגלידער מיט גאַזאָלין. אויך האָט מען צוגעגרייט די פּאָרטעיבל גענעראַטאָרן וואָס חברים האָט אין באַזיץ און מען האָט צוגעבאָרגט נאָך גענעראטאָרן פון פּריוואַטע מענטשן.

## מאנטאג וירא, נאוועמבער 29 למספרם

### אינטענסיווע "בעפאר האריקעין" ארבעט

די נייעס איבער דעם אנקומענדן האריקעין איז שוין יעצט געווארן דער געשפרעך פון טאג, עס איז געווארן קלאר אז ביז א קורצע צייט וועט מען זיך באגעגענען מיט אים פנים אל פנים, און מ'האט זיך גענומען גרייטן פאר א 'לאנגע נאכט'.

זעענדיג דעם אָנקומענדיגן שטורעם, האָט זיך דער ווילעדזש אַריינגעלייגט אין די לענג און ברייט אַז די שטאָט זאל זיין צוגעגרייט, מיט אַלע עמורדזשענסי אַגענטורן און ווילעדזש איינגעשטעלטע, צו זיין גרייט אויף

יעדן נויטפאל און ענטפערן אויף יעדן רוף וואָס קומט אַריין איבער סיי וועלכע פּראָבלעם.

די ״פּובליק סעיפטי״ דעפּאַרטמענט, אונטער דעם איבערגעגעבענעם קאָאָרדינעיטאָר ר׳ משה לייב וויטריאל הי״ו, האָט פאַרברייטערט איר פלאָטע אַרבעטער און באַזונדער צוגעלייגט טעלעפאָן ליניעס אַז די איינוואוינער פון שטאָט זאלן קענען אַריינרופן אומגעשטערט פאַר סיי וועלכע פּראָבלעם און עמוירדזשענסי.

באַזונדער זענען די פירער פון ״מצילי אש״ און ״חברה הצלה״ געשטאַנען גרייט על כל צרה שלא תבוא, ווי מיר וועלן שפּעטער דעטאליזירן די העראָאישע פּעולות פון די געטרייע וואָלונטירן און עסקנים.

צוליב דעם ערוואַרטעטן שטורעם, האָט אָראַנדזש קאַונטי פאַראָרדענט אַז קיין שום ״סקול באָס״ זאָל זיך נישט געפונען אויפ׳ן ראָד במשך די טעג פון מאָנטאָג און דינסטאָג, כדי אַז די שולע קינדער זאָלן ח״ו נישט זיין אין קיין סכנה. צוליב דעם איז מאָנטאָג אינדערפרי נישט געווען צוגעשטעלט קיין טראַנספּאָרטאַציע פאר די מוסדות. דער גאַנצער בית רחל שולע איז געווען גענצליך אָפּגעשלאָסן און אויך פאַר די יונגערע תשב״ר איז נישט געווען קיין חדר.

פאַר די עלטערע קינדער, און אַזוי אויך פאר די פיר ישיבות, איז אָנגעגאַנגען דער סדר, אָבער אָן קיין טראַנספּאָרטאַציע.

איבער׳ן טאָג מאָנטאָג איז דער מצב געווען רואיג, מיט בלויז מילדע רעגנס, און אויף אַהיים איז שוין געווען צוגעשטעלט טראַנספּאָרטאַציע פאַר די תלמידים פון די תלמוד תורה און פון די ישיבות.

אין אלע געשעפטן האָט זיך פעסט אָנגעזען די צוגרייטונגען צום אָנקומענדן שטורעם. פון אַלע זייטן האָט מען זיך געיאָגט איינצוקויפן כלערליי פּראָדוקטן, פון ברויט ביז באַטעריען, פון פלעשלייטס ביז ליכט, און אַלעס אינצווישן.

אינעם באַרימטן ״בית השחיטה המהודרת״ האָט מען מאָנטאָג אָנגעהויבן צו שחט׳ן אין אַ פריערדיגע שעה, כדי צו קענען ענדיגן גענוג באַצייטנס די גאַנצע פּראָדוקציע, פון שחיטה, הדחה ומליחה און אַלעס אַרום. אויך האָט מען געוואָלט פאַרמיידן די שוחטים, בודקים און אַלע אַרבעטער פון ווערן געשטראַנדעט ווי נאָר דער שטורעם וועט באַפאַלן.

אַן אייגנאַרטיגע ערשיינונג איז געווען ביי אַ חתונה וואָס איז יענעם אויפדערנאַכט געפּראַוועט געוואָרן אין זאַל פון ״בית רחל פּאַראַדייס״ צווישן די מחותנים המשפיע הרב נפתלי שטיין שליט״א און הר״ר שלמה בצלאל וויינבערגער הי״ו, ווען די חתונה איז פאָרגערוקט געוואָרן מיט עטליכע שעה און די חופה איז שוין אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַזוי פרי ווי פיר אַזייגער נאָכמיטאָג כדי צו קענען ענדיגן די חתונה באַצייטנס און ס׳זאָל נישט געשטערט ווערן פונעם שווערן וועטער און ערוואַרטעטע קורצשלוסן.

## דער האריקעין איז דאָ

מאָנטאָג שפּעט נאָכמיטאָג האָט זיך שוין אָנגעהויבן צו שפּירן די שטאַרקע ווינטן, און וואָס אַ מינוט שפּעטער איז אַלס שווערער איז געוואָרן דער מצב.

אין די שפּעטע נאָכמיטאָג שעות איז שכונת ברך משה און די אַרומיגע גאַסן שוין איינגעהילט געוואָרן אין אַ קורצשלוס, אָבער אין די אַנדערע גאַסן פון די שטאָט האָט זיך דאַן נאָכנישט אַזוי שטאַרק געשפּירט דער שטורעם, סיידן די שטורמישע ווינטן וועלכע זענען געוואָרן אַלס ווילדער און מאַסיווער. תפלת מנחה האָט מען נאָך מער-ווייניגער געדאַוועט אין די ליכטיגקייט, און אויך די ערשטע מנינים מעריב האָבן נאָך געדאַוונט ווען עס איז געווען ליכטיג.

עס האָט שוין דאַן געהערשט אַ סכנה זיך צו דרייען אויף די גאַסן, נאָכדעם ווי אַלעס אַרום איז געווען שטאָק פינסטער און עס האָט אַ ליאַדע מינוט געהערשט אַ סכנה אָנגעטראָפן צו ווערן פון פאַלנדע ביימער, פליענדע העלצער, אָדער פון אַן לעבעדיגן ווייער ח״ו וכדומה.

במשך די נאַכט האָט דער שטורעם זיך פילפאַכיג פאַרשטערקערט און די ווינטן זענען געטריבן געוואָרן מיט אַ זעלטן מאַסיוון קראַפט. דאָך אָבער האָט מען נישט געהערט פון קיין מאַסיווע שאָדנס, ובפרט נאך וואס עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז דער האריקעין איז נישט אנגעקומען מיט אזא מאנסטערישער קראפט ווי מ׳האט געהאט געווארנט און טראָץ די שטורמישע ווינטן האָט נישט שטאַרק גערעגנט און עס זענען ב״ה כמעט נישט געווען קיין פאַרפלייצונגען אויף די גאַסן און אין די הייזער וכדומה.

במשך די נאַכט האָט מען אָבער יאָ געהערט דאָ און דאָרט פון פאַרשידענע שאָדנס וואָס דער האָריקעין האָט געשאַפן. אַן איינוואוינער אויף די זענטא גאס האָט זיך דערזען דינסטאָג אינדערפרי ווי דער פעסט-געבויטער ״שלאַק״ העכער זיין פּאָרטש אונטער זיין דירה, ליגט אַראָפּגעוואָרפן פאָרענט פון זיין דירה אויסגעריסן פון פּלאַץ דורך די מאַסיווע ווינטן. בחסדי שמים מרובים איז קיינער נישט געשטאַנען דערנעבן בשעת עס האָט זיך אויסגעריסן פון פלאַץ.

אַן אַנדערער איינוואוינער אויף די פילמאָר גאס האָט אינמיטן די נאַכט געוואָלט עפענען דעם פענסטער אויף אַרויס. האַלטענדיג אינמיטן דרייען דעם הענטל האָט ער געזען אַז עס איז שוין נישט דאָ וואָס צו דרייען. דער פענסטער האָט זיך שוין אויסגעריסן פון פּלאַץ און איז אַוועקגעבלאָזן געוואָרן מיט׳ן ווינט.

די איינוואוינער אויף די ראוונא גאס האָבן געדאַנקט השי״ת אויף די נסים, נאָכדעם וואָס מ׳האָט געזען אינדערפרי אַז דער גרויסער פלאַטפאָרמע וואָס איז געלעגן אויף דער ערד אויף די זייט פון ביהמ״ד בית שמואל בנימין, אויף וועלכן מ׳האָט געהאַט געבויט די סוכה פונעם ביהמ״ד, האבן די שטורמישע ווינטן אויפגעהויבן און אריינגעהאקט אין אַ גרויסן אייזערנעם זויל אויף וועלכן עס האַלטן זיך אָן עטליכע פּאָרטשעס. בחסדי שמים מרובים האָט מען דאָס געוואוג צייטליך באַמערקט, און דער גאַנצער אַרום איז אָפּגעשלאָסן געוואָרן, אַזוי אַז עס איז ב״ה נישט געקומען לכלל סכנה.

אויף די געציל בערגער גאס האָט דער בנין התלמוד תורה געליטן מאַסיווע שאָדנס, נאָך וואָס דער דאַך פונעם בנין איז שטאַרק געשעדיגט געוואָרן ווען עס האָט זיך אויפגעהויבן אַ גרויסן שטיק פונעם דאַך.

אויף די ליסקא וועי גאַס איז אַ ״סקיילייט״ שלאַק אויסגעריסן געוואָרן פונעם מאַסיוון שטורעם, און איז אַוועקגעפלויגן ווייט אַוועק. אויך אַנדערע שלעק, ובפרט די וואָס אַרבעטן דורך לופט, האָבן זיך כסדר געהויבן און זיך געוואָרפן, און די געטרייע וואָלונטירן פון חברים האָבן שווער געאַרבעט אָנצוצייגן פאר די משפחות וואָס צוטון אין אַזעלכע פעלער.

אויף די גארפילד רד. גאס, האַרט פאָרענט פונעם אָפיס פון ״כולל שומרי החומות לצדקת רבי מאיר בעל הנס״ איז אַראָפּגעפאַלן אַ גרויס שטיק ״סיידינג״ וואָס איז אייגענטליך אַ גרויסע שטיק פלייוואָט-האָלץ פאָרנט פונעם הויז, און וואָלט ח״ו געקענט פאַלן אויף מענטשן, און בחסדי שמים מרובים האָט גאָרנישט פּאַסירט.

אויף די קאַלוב גאַס איז אַראָפּגעפאַלן שווערע ציגל פון די וואַנט וואָס צעטיילט די דירות איינס פון צווייטן און איז אַריינגעפאַלן דורכ׳ן סקיי-לייט אינעם אויבערשטן דירה, וואָס האָט געצווינגען די עוואַקואַציע פון די אַלע איינוואוינער.

די געטרייע הצלה וואָלונטירן, וועלכע זענען באַקאַנט אַ גאַנץ יאָר פאַר אַלע תושבים דאָהי אין שטאָט מיט זייער מסירות נפש און איבערגעגעבנהייט, האָבן ביים האָריקעין זיך ממש איבערגעריסן, זייענדיג אויף דער וואך אין פאַל עס פּאַסירט עפּעס אַן עמורדזשענסי אין די שטאָט. טראָץ וואָס אַלע איינוואוינער האָבן זיך איינגעשפּאַרט אונטער שלאָס און ריגל, פאָלגנדיג די אָנווייזונגען פון די אויטאָריטעטן, האָבן די הצלה וואָלונטירן ממש איינגעשטעלט זייערע אייגענע לעבנס צו העלפן אַנדערע אידן.

לויט ווי די ״הצלה״ געבט איבער, זענען בחסדי השם נישט געהערט געוואָרן קיין פאַרמערטע אינצידענטן אין די טעג פונעם האָריקעין און קורצשלוס. טראָץ וואָס פילע ביימער זענען געפאַלן און שטיקער פון דעכער האָבן זיך אָפּגעריסן און געפלויגן מיט די שטאַרקע ווינטן, האָט דאָס נישט באַטראָפן קיין מענטשן און מען האָט נישט געדאַרפט נוצן די ספּעציעלע געצייג וואָס מען האָט געהאַט צוגעגרייט בעפאָר׳ן האָריקעין פאַר עמורדזשענסי פעלער.



די ארבעט אין בית השחיטה איז גענצליך אפגעשטעלט אויס זארג פון א עווענטועלע וואסער און סוער קריזיס, נאכדעם וואס דער קרית יואל וואסער און סוער סיסטעמען האבן פונקציאנירט דורך גענעראטארן

## ווימש חושך – עס ווערט פינסטער

ארום 8:40 אין אָוועט, ווען די ווינטן אינדרויסן האבן געבוזשעוועט, האבן מיטאמאל די לעקטערס אין א גרויסן טייל פון די שטאט זיך גענומען שפרינגען ווי שלאנג געביסענע. פאר עטליכע מינוט האט די לעקטער געכאפט א ׳רקידה׳לע׳, זיך אויסגעלאשן, אנגעצינדן, און צוריק אויסגעלאשן, און דאן מיטאמאל חושך, פינסטער. ס׳איז נישט געגאנגען פון איין מינוט אויפ׳ן צווייטן, אבער ביז א קורצע ווייל האט נאנט צו 2/3 קרית יואל, קנאפע 2,700 משפחות, זיך געטראפן אין דער פינסטער.

דער קורצשלוס האָט אויך אָפעקטירט דעם ״בית רחל פּאַראַדייס״ זאַל, וואו מ׳האָט דאַן פונקט געהאַט אָנגעהויבן דעם צווייטן טאַנץ ביי א חתונה וואָס איז דאַן פאָרגעקומען דאָרטן, און מ׳האָט מאָמענטאַל נישט געקענט פאָרזעצן מיט די ריקודין. די געטרייע וואָלונטירן פון ״חברים״ האָבן זיך גלייך אָריענטירט, און האָבן אַריבערגעברענגט אַ ״גענעראַטאָר״ וואָס זיי האָבן געהאַט אויפ׳ן פלאַץ, מיט וואָס די מוזיק האָט געקענט ווייטער אַרבעטן, און מ׳האָט ווייטער געטאַנצן אין די טונקל...

קורצליך דערנאָך איז אַריבערגעברענגט געוואָרן מאַסיווע פראדזשעקטערס צוגעשטעלט דורך די פּובליק סעיפטי, וואָס מ׳האָט פּלאַצירט ביים אַריינגאַנג צום זאַל, און דאס האט באַלויכטן דעם אריינגאנג צום זאַל. שפּעטער איז דורך די חברים אָרגאַניזאַציע אַראָפּגעברענגט געווארן אַ גענעראַטאָר וואס האט צוגעשטעלט לעקטער פאר׳ן גאנצן זאל אַז די שמחת החתונה זאָל נישט געשטערט ווערן. (די חברים האָבן באַקומען דעם שכר באַצאָלט אַ ווײַלע שפּעטער ווען זיי זענען מכובד געוואָרן מיט די סעודת החתונה און האָבן זאָגאַר אויך באַקומען אַ מצוה טענצל).

בלויז די גאַסן פון סעקשאָן 3 (סאַטמאַר דר., אָרשיווא, סיגוט, עיקערס, טייל הייזער אויף די פילמאָר גאַס און אַרום) און די גאַנצע עצי התמרים געגענט איז פאַרבליבן מיט עלעקטריק במשך די גאנצע צייט, אומגעשטערט.

## דער צושטאַנד מאָנטאָג ביינאַכט

גלייך ווי דער קורצשלוס האָט פּאַסירט, איז גאנץ קרית יואל אריין אין אלארם. אלע ארבעטער און עסקנים,





איש על מחנהו ואיש על דגלו, האבן געגומען פיבערהאפטיג ארבעטן יעדער אויף זיין ארט און לויט זיין עקספערטיז, וואס איז אינאיינעם פארוואנדלט געווארן אלס איין גרויסע משפחה וואס האט געארבעט אינאיינעם צו לינדערן די שמערצן און לעזן דעם פראבלעם, מיט אלעם וואס נאר מעגליך.

טראץ וואס דער הצלה גאראדזש האט זיך געפינען אינעם צענטער פון די טונקעלע גאסן, האט אבער איר אייגענער מאכטפולער גענעראטאר אויטאמאטיש באלד איבערגענומען די ארבעט און פון דארט זענען קאארדינירט געווארן אלע "הצלה" אקטיוויטעטן ווי עס וואלט גארנישט פאסירט. דער ענערגישער פירער פון די חברים אָרגאַניזאַציע, הר"ר אליעזר דוד איצקאָוויטש הי"ו, האָט באזונדער אריבערגעקליבן די חברים דיספעטשינג הויפטקוואַרטיר אין א שטיבל פון די "חברה הצלה" געביידע, און דארט האָבן זיי אויך פארמאגט א געהעריגע קאָמוניקאַציע און טעלעפאָן ליניעס.

די איבריגע חברים מיטגלידער האבן אויסגעפאָלגט די טרענירונגען און, ווי אָפגעשמועסט, זיך פאַרזאַמעלט ביים ווינקל פון מרדכי שעהר און פאַרעסט ראָוד, אויך זענען דאָרטן געווען פילע אַנדערע ענערגישע עסקנים אינגעלייט וועלכע זענען טאַקע נישט קיין חברים מיטגלידער אָבער האָבן געוואָלט העלפן, ווי פאַרשטענדליך האָט מען יעדן העפליך אויפגענומען און איינגעשפאַנט אין די אַרבעט.

ר' יושע קאָרנבלי האָט אָרגאַניזירט די "חברים" וואָלונטירן ביים מרדכי שעהר/פארעסט ווינקל אין צען באַזונדערע גרופעס, יעדע איינע איז באַשטאַנען פון אַ קבוצה עסקנים מיט אַ חברים עסקן צווישן זיי כדי צו קענען האָבן קאָמוניקאַציע דורכ'ן ראַדיאָ מיט יעדע גרופע באַזונדער. אַזוי האָט מען כסדר געקענט אַרויסשיקן גרופעס און מען האָט געקענט געניט איינטיילן די אַרבעט און נאָכקומען דעם צופלוס פון רופן און נישט זיך דערזען אַז יעדער לויפט אויף איין אָרט צו העלפן.

עס איז געווען אַ באַזונדערע סייעתא דשמיא ביים האָריקעין סענדי אַז נישט אַלע פראָבלעמען האָבן זיך אָנגעהויפענט אויפאַמאָל, וואָרום עס וואָלט נישט במציאות מעגליך געווען נאָכצוקומען דעם פלוס פון קאָלס.

אין לויף פון מאָנטאָג נאַכט ווען די ווינטן האָבן געבוזשעוועט זענען אַריינגעקומען אַ געוואַלד מיט קאָלס אין פאַרבינדונג מיט ווינט שאָדנס, אָוינגס זענען געפלויגן, און דער גרעסטער געפאַר איז געווען אַז די שווערע סוכה דעכער, ד.ה. די געהעריגע פערמאַנענטע דעכער וועלכע פאָרן אויף רעדער, זענען אויך געפלויגן און האָבן געלאַנדעט איבעראָל. די ווינטן האָבן אונטערגעהויבן סקיי-לייטס און זיי געדראָעט צו פירן אַ רייזע, שינגלס און סיידינג שטיקער זענען געפלויגן אויף אַלע זייטן.

די געטרייע עסקנים זענען געלאָפן טאַקע אין די שווערסטע צייטן, דורכאויס די גרעסטע ווינטן און רעגנס, און מען איז געקראָכן אויף די דעכער אַראָפּצובונדן סקיי-לייטס און העלפן אידן פאַרמיידן שאָדנס. אין ערטער וואו די ווינטן האָבן אַראָפּגעריסן די דאַך שינגלס האָבן מען געאַרבעט צו מיניזירן די רעגנוואַסער שאָדנס ווי ווייט מעגליך. פילע בעלי מלאכות האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין די אַרבעט צו פאַרמיידן שאָדנס צו אידישע פאַרמעגנס.

*

אינעם הויפטקוואַרטיר פון די מצילי אש פייער דעפּאַרטמענט איז מאָנטאָג נאַכט אויך געווען הויך יום טוב, פון אַלע זייטן זענען אַריינגעקומען טעלעפאָן רופן איבער אַראָפּגעפאַלענע ביימער און אַנדערע עמוירדזשענסיס. דער דיספעטשער פון מצילי אש, הר"ר יצחק פריעדמאַן הי"ו, האָט ווי אַ גענייטער קאָמאַנדיר דעלעגירט די אַרבעט, און די לייכטערע נישט-אַזוי עמוירדזשענסי אַרבעט האָט ער אַרויסגעגעבן פאַר די געטרייע חברים מיטגלידער, און די סאָרט קאָלס וועלכע האָבן געדאַרפט אַ מער פּראָפעסיאָנאַלע באַהאַנדלונג האָט ער איבערגעלאָזט פאַר די טרענירטע מצילי אש אָרגאַניזאַציע.

אינצווישן איז געוואָרן טיף אין די נאַכט, און די ווינטן האָבן גענומען בלאָזן מסוכנ'דיג שטאַרק, און די חברים מיטגלידער אויפ'ן גאַס האָבן פאַרשטאַנען אַז עס איז שוין געפאַרפול צו בלייבן אונטער'ן פרייען הימל, און מען האָט אריבערגעקליבן דעם הויפטקוואַרטיר צום ביהמ"ד עטרת זקנים פון וואו מען האָט ווייטער אָנגעפירט די אַרבעט.

גלייך אין די ערשטע נאַכט האָט מען געהאַט אַן פיקוח נפש עמוירדזשענסי, ווען אַ קינד וואָס לעבט אויף לעבענס דערהאַלטונג מאַשינען איז געווען אין געפאַר וויל די עלעקטריק האָט זיך פאַרלאָשן. "חברים" האָט באלד אַריבערגעברענגט אַ גענעראַטאָר צו קרעפטיגן די מאַשינען. ביז מען האָט אָנגעיאָגט איינצושאַלטערן דעם גענעראטאר האָט מען געצויגן אַן עקסטענשאָן ווייער פונעם חברים טראָק אַריין צום שטוב אַזוי אַז די מאַשינען זאָלן זיך נישט פאַרלעשן.

די עסקנים האָבן באַזוכט אין די הייזער פון עלטערע אידן און אנדערע מעדיצינישע פאציענטן, און זיכער געמאַכט אַז עס איז צוגעשטעלט על צד היותר טוב, ובפרט אַז מעדעצינישע עקוויפּמענטס קענען אַרבעטן ווי געהעריג.

אזוי אויך האט מען שווער געארבעט, אונטער די געפארפולסטע אומשטענדן, צו שניידן די צווייגן פון די אַראָפּגעפאַלענע ביימער, כדי די עמוירדזשענסי אויטאָס זאָלן קענען פאָרן אויפ'ן שאָסיי.

במשך די נאַכט זענען צענדליגער ביימער אומגעפאַלן און האָבן געקענט זיין אַ סכנה, ובפרט האָט עס בלאָקירט גאַסן און עס וואָלט געקענט פארקריפלען דעם פאַרקער. די געטרייע עסקנים האָבן מאַסיוו געאַרבעט אַרומצוגיין מיט גרויסע זעג-מאַשינען אַוועקצונעמען אַלע געפאַלענע ביימער, אַזוי אַז אינדערפרי האָט מען שוין כמעט נישט געקענט באַמערקן אַז עס זאָל האָבן עפּעס פּאַסירט. קיין עלעקטריק שטאַנגן זענען ב"ה כמעט נישט געפאלן, אַזוי אַז עס איז נישט געווען קיין סכנה.

באַלד נאָכן קורצשלוס האָבן עטליכע עסקנים זיך אַוועקגעשטעלט ביי די "עטרת זקנים געגענט" וואו די גאַנצע גאַס איז שטאַרק באַלויכטן געוואָרן דורך אַ גרויסן פּראָדזשעקטער פאַר די טובה פון די זקני עירינו וועלכע וואוינען אין די געגענט. במשך די גאַנצע נאַכט זענען די עסקנים געשטאַנען פאַרקירט אויף סטראַטעגישע ערטער איבער די גאַנצע שטאָט, אַזוי אַז ווען איינער דארף סיי וועלכע הילף זאָלן זיי גלייך זיין צו די האַנט.

עטליכע געטרייע עסקנים זענען ארויפגעגאנגען צו ביתו נאוה קודש פון מרן רבינו הגה"ק שליט"א און האָבן אינסטאָלירט דארט אַ שטאַרקן גענעראַטאָר כדי דער רבי שליט"א זאל קענען ווייטער אָנגיין מיט דער עבודת הקודש ווי געהעריג.

דער איידעם פון רבי'ן שליט"א, הגה"צ רבי חנוך העניך אשכנזי שליט"א רב דביהמ"ד אבני צדק דקיט"ל בשכונת עצי התמרים, איז שוין מאָנטאָג אינדערפרי אַריינגעפאָרן קיין באָראָ פּאַרק, כדי זיך צו קענען באַטייליגן ביים שמחת הברית פון נכדו הנולד למזל טוב, בן לבנו הרה"ג רבי חיים צבי אשכנזי שליט"א חדב"ן כ"ק גאב"ד סאַטמאַר-ב"פ שליט"א וואָס האָט געזאָלט פאָרקומען דינסטאָג אינדערפרי.

אַנדערע וועלכע האָבן געפּלאַנט צו פאָרן אויף שמחות מאָנטאָג און דינסטאָג ביינאַכט האָבן זיך מקדים געווען צו פאָרן ווען עס איז נאָך געווען אַ מעגליכקייט דערצו. אַנדערע האָבן זיך גענצליך אָפּגעהאַלטן פון פאָרן, פאַרלאָזנדיג זיך אויף די מחותנים און בעלי שמחה, אַז זיי וועלן געוויס פאַרגעבן דאָס קומען צו פאָרן אין אַזאַ שווערן צושטאַנד. ווידער אַנדערע האָבן זיך יאָ אָנגעשטרענגט, און האָבן זיך אַרויסגעלאָזט אין וועג אַריין טראָץ דעם שווערן צושטאַנד, וה' הצליח דרכם ווען יעדער איז ב"ה אָנגענומען און אַהיימגעקומען לחיים ולשלום.

אָבער כאַפּנדיג אַ בליק אויף די בילדער וואָס עס האָט פּאַסירט אין אַנדערע געגענטער, זעט מען קלאָר אַז קרית יואל האָט אייגענטליך אויסגעמיטן די שווערע איבערלעבענישן מיט וואָס אַנדערע געגענטער האָבן זיך געפּלאָגט. די שטאָט זעלבסט האָט דינסטאָג אינדערפרי נאָכנישט אויסגעקוקט אין אַזאַ כאַאָטישן צושטאַנד אין וואָס עס איז ערשט אַריינגעפאַלן אין די שפּעטערע שטונדן.

פינסטערניש. הונדערטער אידן וועלכע האָבן טעגליך זייער קביעת עתים לתורה אין היכל צבי ראָזענבערג אין ביהמ"ד הגדול, האָבן געלערנט אין די טונקל, פאָרנט פון אַ ליכטל, ווי אין דער אַלטער היים. די מקוה איז אינדערפרי געווען "קאַלט" און בלויז שוואַכע עלעקטריציטעט האָט באַלויכטן אין די מקוה און אין היכל צבי ראָזענבערג.

ביי די ערשטע מנינים, וואָס מ'האָט די וואָך געדאַווענט ווען עס איז נאָך געווען היבש טונקל אינדרויסן, האָט מען געדאַווענט ביי די ליכט. אָבער נאָך אַ קורצע צייט האָבן די געטרייע עסקנים זיך אָריענטירט. דער געטרייער מענעדזשער פונעם ביהמ"ד העסקן הדגול מוה"ר יודא יושע וויינשטאָק הי"ו האָט געברענגט אַ גענעראַטאָר וואס ווערט געווענליך גענוצט בעיקר אויף מוצאי יום טוב שבועות ביים באגלייטן און איז איינגעהאנדעלט געווארן דורך הר"ר דוד יודא קאהן הי"ו, און דאס האָט צוגעשטעלט עלעקטריק פאר געוויסע חלקים פונעם אונטערשטן שטאק פון ביהמ"ד, עטליכע לעקטערס אין מקוה; אין היכל ראזענבערג; פאר די קאווע; ווארעמע וואסער אין די מקוה/שויערס, אבער נישט קיין סאך מער דערפון. אויבן אין ביהמ"ד האט מען געדאוונט בלויז צום שיין פון די זון.

שפעטער האט הרה"ח ר' אברהם ווידער שליט"א, דער ראש הקהל און מעיאר, זיך אנגעטראגן אז ער קען צושטעלן א גרויסן גענעראטאר וואס ער פארמאגט בשותפות מיט הר"ר משה בר"י מענדלאוויטש הי"ו. טראץ וואס ר' משה האט ארגינעל געפלאנט צו נוצן דעם גענעראטאר פאר זיך פריוואט אינדערהיים, און האט שוין געהאלטן אינמיטן שלעפן דעם גרויסן גענעראטאר מיט זיין טראק, איז ער איינגעגאנגען עס אוועקצוגעבן לזכות הרבים, און זיך אויפטוישן. ער האט גענומען דעם קלענערן גענעראטאר וואס דער ביהמ"ד האט גענוצט ביז דאן, און אויסגעבארגט פאר'ן ביהמ"ד זיין גרויסן בשותפות'דיגן גענעראטאר. אדאנק דעם דאזיגן גרויסן גענעראטאר האט מען געקענט פארבינדן א גרויסן טייל פונעם ביהמ"ד צו קענען אנגיין מיט'ן סדר היום אויף ווי ווייט מעגליך.

אַנדערע האָבן אויסגענוצט די געלעגענהייט וואָס אין ביהמ"ד אבני צדק, בית ברוך, ביהמ"ד אוהל פיגא וואס איז געווארן אנגעהאנגען צו דעם גענעראטאר וואס געהער צו הר"ר בעריש שענברוין הי"ו, און אין אַנדערע בתי מדרשים אין די שטאָט איז יא געווען געהעריג לעקטער, און זיי האָבן זיך דאָרט קובע מקום געווען לתורה ותפלה אויף משך די נאָכפאָלגענדע טעג.

## דינסטאג וירא, אקטאבער 30 למספרם

### דער קורצשלוס אַפעקטירט די מוסדות און ישיבות

דינסטאָג אינדערפרי איז די שטאָט געווען איינגעהילט אין אַ מאַסיווע



מ'לערנט פלייסיג אין "היכל ראזענבערג", כמעט ווי אין דער אלטער היים



געשטעלט די חופה אינמיטן טאג צוליב דעם אנקומענדן הוריקען

מענטשן האבן אויך אויסגענוצט די בתי מדרשים וועלכע האבן יא געהאט דעם לעקטער אנגעצינדן, צו קומען דארט טשארזשען די סעלפאונס.

די אַנדערע מקומות התורה זענען אָבער נישט געווען אַזוי מזל'דיג. די בנינים פון די ישיבה גדולה זענען אַלע אַפעקטירט געוואָרן פונעם קורצשלוס און האָבן בכלל נישט פאַרמאָגט קיין עלעקטריציטעט. מאָנטאָג נאַכט איז געווען אַ מחזה הוד, וואס ווען די בחורים פון אַלע אָפטיילונגען האָבן געמוזט פאַרמאַכן די גמרות צוליב'ן קורצשלוס, האָבן זיי אויסגענוצט די געלעגענהייט און געפראַוועט שיינע "באָטעס" ביי וועלכן מ'האָט געזינגען וואַרימע און לעבעדיגע נגינה באישון ואפילה. אַנדערע בחורים האָבן אויסגענוצט די געלעגענהייט און זיך געלייגט פרי שלאָפן, כדי צו קענען אויפשטיין פריער אין די פאַרטאָגס שטונדן, מיט דער האָפענונג אַז דאַן וועט שוין די עלעקטריק זיין צוריקגעשטעלט.

למעשה איז דער קורצשלוס נאָך געווען אין אַפעקט ביים אויפשטיין, דאס האט אבער נישט אפגעהאלטן די פלייסיגע מתמידים זיך צו לערנען פאַרטאָגס צום שיין פון ליכט און פלעשלייטס.

דער ראש הישיבה מרן רבינו הגה"ק שליט"א האָט דינסטאָג אינדערפרי געדאַווענט אינעם היכל הביהמ"ד פון די ישיבה סניף דברי יואל, וואו עס איז נישט געווען קיין שום עלעקטריק. נאָכ'ן דאַווענען האָט דער רבי שליט"א פאָרגעלערנט אַ שיעור תהלים אָן קיין מיקראָפאָן.

די בחורי חמד תלמידי הישיבות פון סניפי "דברי יואל" (בהנהלת הרה"ג רבי דוד שלמה עקשטיין שליט"א) און "ויואל משה" (בהנהלת הרה"ג רבי לוי יצחק בארזעסקי שליט"א) זענען פאַרבליבן לערנען אין די היכלי הביהמ"ד וועלכע פאַרמאָגן גרויסן פענסטער, און מ'האָט ווייטער געלערנט צום שיין פון די זון. ווידער די תלמידים פון ישיבת סניף "ברך משה" (בהנהלת הרה"ג רבי יעקב ווייס שליט"א) וועלכער פאַרמאָגט נישט קיין גרויסע פענסטער, זענען אויף איבער'ן טאָג אַריבער צום ביהמ"ד "אוהל פיגא" וואו זיי האָבן ווייטער ממשיך געווען מיט זייערע לימודים מיט גרויס התמדה.

די אַריבער פינף הונדערט לומדים פון "מבצר הכוללים" האָבן ווייטער געלערנט אינעם בנין הכוללים צום שיין פון די גרויסע פענסטערס. זעענדיג אָבער אין די טעג דערנאָך אַז עס וועט נאָך געדויערן אַ ווײלע ביז דער קורצשלוס וועט קומען צו אַן ענדע, האָט די הנהלת הכוללים מסדר געווען אַז די חשוב'ע לומדים זאלן לערנען איינגעטיילט אין עטליכע בתי מדרשים איבער די שטאָט, אין "היכל צבי ראָזענבערג", אין "ביהמ"ד אבני צדק", און אין "חדר דוד מרדכי" אין ביהמ"ד "בית מרדכי".

די תלמידי הישיבות פון די ישיבות קטנות האָבן ווייטער ממשיך געווען מיט זייערע לימודים. די תלמידים פון ישיבות סניפי "קדושת יום טוב" און "ייטב פנים" וועלכע לערנען אין בנין הישיבה אויף געציל בערגער האָבן געהאַט געהעריג לעקטער, און האָבן געהעריג ממשיך געווען מיט זייערע לימודים. די תלמידים פון ישיבות סניפי "ייטב לב" און "רב טוב" וועלכע לערנען אינעם בנין הישיבה "עצי חיים" זענען יאָ אַפעקטירט געוואָרן פונעם קורצשלוס. די תלמידי ישיבת "ייטב לב" זענען אריבער לערנען אין בנין הביהמ"ד "בית ברוך" און די תלמידי ישיבת רב טוב האבן יא פארגעזעצט צו לערנען בהתמדה ווייטער אין זייער בנין, טראָץ די שוועריקייטן.

אויך די תלמידים וועלכע לערנען אין די בניני התלמוד תורה "ווידער פּאָלאַטשעק" אויף רימאנוב גאס, האָבן נישט געהאַט קיין געהעריגע עלעקטריציטעט, און די קינדער האבן געלערנט די גאַנצע צייט אונטער אָנגעשטרענגטע אומשטענדן, אָבער די לימודים זענען אנגעגאנגען ווייטער לאות ולמופת. אויך קיין טראַנספּאָרטאַציע איז נישט געווען צוגעשטעלט ביז מיטוואָך, אבער די קינדער, זרע ברך ה', זענען אנגעגאנגען מיט זייער סדר היום ווי גארנישט וואלט פאסירט.

בערך צען אַזייגער אינדערפרי, ווען דער בנין התלמוד תורה איז געעפענט געוואָרן, איז געווען אַ מחזה הוד מיטצוהאַלטן ווי צענדליגער אויטאָס שלענגלען זיך אויף די גאַסן פון קוויקוועי און רימנוב, צו ברענגען די קינדער אין חדר אַריין. אַנדערע זענען געקומען צוגיין צופיס וואָס האָט געשאַפן אַן אומגלויבליך בילד ביים זען די באַ'חנ'טע קינדערלעך, יראת ה' חופת על פניהם, ווי זיי לאזן זיך ארויס איבער די לאנגע שטרעקעס אבי צו קענען גיין אין חדר אריין לערנען די הייליגע תורה. בבית אלקים נהלך ברגש.

## אפגעשטעלט די ארבעט אינעם בית השחיטה המהודרת

דער "בית השחיטה המהודרת" איז אויסגעשטאַט מיט מאַכטפולע גענעראַטאָרן, וועלכע טוען פאַרזיכערן איבער'ן גאַנצן יאָר אַז די שחיטה אָפעראַציע גייט אָן אומגעשטערט אין סיי וועלכע עמוירדזשענסי, אָבער די הנהלת בית השחיטה אין צוזאַמענאַרבעט מיט'ן ווילעדזש האָבן באַשלאָסן אַז מען וועט נישט שחט'ן דינסטאָג און אין די נאָכפאָלגנדע טעג, ווי לאנג דער קאשמאר איז נישט פאראיבער, צוליב וואָס דער פּראָצעדור פארנוצט זייער אַסאַך וואַסער און מען האָט מורא געהאַט אַז עס וועט קומען צו א וואַסער עמוירדזשענסי ביי די וואַסער טאַנקען פון די שטאָט, וויבאלד די וואסער פאמפס ארבעטן אויך אויף לעקטער, און אזוי אויך איז דער סוער סיסטעם געווען טיילווייז אפעקטירט פונעם קורצשלוס.

אין די זעלבע צייט וואָס די טירן פונעם בית השחיטה האָבן זיך פאַרמאַכט פאַר עטליכע טעג, האָט אָבער די הנהלה פונעם בית השחיטה אַרויסגעצייגט ברודערשאַפט און אָפענע הערצער צו די אַלע גרויסע געשעפטן און בניני המוסדות, און האָבן אַוועקגעגעבן די גרויסע פריזערס פונעם בית השחיטה געביידע פאַר גראָסערי געשעפטן איבער די שטאָט און באַזונדער פאַר די עסנווארג פון דער תלמוד תורה, און מתיבתא, בוטשער, און דעלי, וועלכע האבן אַלע אַריבערגעברענגט זייערע ווערדפולע מאכלים וואס מ'האט געדאַרפט האַלטן פארפרוירן דורכאויס די טעג פונעם קורצשלוס. טייל געשעפטן האָבן אויך געטראָפן פריוואטע אידן בעלי חסד, וועלכע האָבן מקיים געווען די מצוה פון הכנסת אורחים און אַריינגענומען פּראָדוקטן און אַנדערע חפצים וואָס דאַרפן געהאַלטן ווערן אין פריזער.

[גלייך זונטאָג אינדערפרי פרשת חיי שרה, ווען רוב פון די שטאָט איז שוין געווען צוריקגעשטעלט אויפ'ן נאָרמאַלן סדר, און די שוחטים און בודקים מיט די פילע אַרבעטער זענען שוין צוריק געווען אינעם בית השחיטה, צושטעלנדיג כשר'ע מהודר'דיגע פלייש פאַר טויזנטער אידן המדקדקים בכשרות, וואס דער פלייש מאנגל האט זיך שוין אנגעהויבן עטוואס שפירן. איין איינציגער טויש פון יעדע אַנדערע וואָך איז געווען אַז די עופות וואָס מען האָט גע'שחט'ן די פאלגענדע וואך, זענען געווען גרעסערע עופות, צוליב וואָס זיי האָבן זיך געהאָדעוועט מיט אַרום א וואָך לענגער ווי געהעריג צוליב'ן האָריקעין.]

## ביזנעס אין אלגעמיין אפגעשטעלט

אויב איז דער מצב נאָך געווען דערטרעגליך אין רוב שטעטל, איז אין די געגענט פונעם שאַפּינג סענטער געווען כמעט אומדערטרעגליך. די געשעפטן האָבן נישט געהאַט קיין שום לעקטער, מ'האָט נישט געקענט רעכענען מיט די קאָמפּיוטערס און מ'האָט נישט געקענט זען וואָס עס טוט זיך.

טייל געשעפטן האָבן גלייך איינגעשטעלט גענעראַטאָרן און אַנדערע האָבן געוואַרט מיט האָפענונג אויף אַ בעסערן מאָרגן. אָבער שפּעטער, ווען דער מצב האט נישט געוויזן קיין צייכענעס פון פארבעסערונג, האָבן שוין אויך אַנדערע געשעפטן איינגעשטעלט גענעראַטאָרן, וועמענ'ס עלעקטרישער קראפט איז טאַקע געווען פיל שוואַכער ווי געווענליך, אָבער פאָרט גענוג אַז מ'זאָל קענען איינקויפן.

אויך דער דערנעבענדיגער "עזרת חולים העלט סענטער" איז אַפעקטירט געוואָרן פונעם קורצשלוס, און דינסטאָג איבער'ן טאָג איז דער העלט-סענטער געווען פאַרשלאָסן. מאַנכע וועלכע האָבן געדאַרפט צוקומען זיך צו באַהאַנדלען, זענען געפאָרן צו אָנדערע העלט-סענטערס און דאקטאר אפיסעס וואס זענען נישט אפעקטירט געווארן.

## טעלעפאן שוין אויך נישט?!

דינסטאָג שפּעטער אין טאָג איז צוגעקומען שוועריקייט על שוועריקייט, ווען אויך די טעלעפאָנען פון "פראָנטעיר" האָבן פאַרלוירן זייער קראַפט, און מ'האָט נישט געהאַט קיין מעגליכקייט צו רופן פון איין פלאַץ צום צווייטן. אויך די סעלפאנען האָבן געמאַכט פּראָבלעמען, און מ'האָט נישט געקענט זיך געהעריג פאַרבינדן. אזוי אז מ'האט אפילו נישט געקענט דורכפירן די פארצווייפלטע רופן צו די אָו-ענד-אַר הויפטקווארטירן צו הערן אויב ס'איז שוין דא עפעס ליכטיגקייט ביים ענדע פונעם טונעל.

ווי נאָר עס האָט זיך געשאַפן דער פּראָבלעם און דער טעלעפאָן סיסטעם פון די חברה הצלה האָבן נישט געאַרבעט, האָבן די געטרייע חברים פון חברה הצלה זיך גלייך געשטעלט אין פארשידענע סטראטעגישע ווינקלען פון די שטאָט מיט אַמבולאַנסן, שטייענדיג גרייט על כל צרה שלא תבא. טראָץ וואָס רוב פון די הצלה-מעמבערס האָבן שוין געהאַלטן נאָך אַ שלאָפלאָזע מאנטאג נאַכט, אַרויסהעלפענדיג מיט פאַרשידענע הילפס-פעולות, האָבן זיי דאָך נישט געטראָפן קיין צייט ווען צו נעמען רוה, און האָבן ווייטער געאַרבעט לטובת הכלל והפרט אויך א גאנצן דינסטאג.

וואָס אַ שעה שפּעטער אַלס מער האָט מען איינגעזען אַז עס קומט נישט קיין בעסערונג אינעם מצב, און אַז מ'וועט וואַרשיינליך מוזן פאַרברענגען נאָך איינס, אָדער עטליכע נעכט, אין די טונקל.

עטליכע שמחות וואָס זענען אָפּגעהאַלטן געוואָרן דאָהי אין קרית יואל דינסטאָג אויפדערנאַכט האָבן זיך שווער געמוטשעט ווי אַזוי מסדר צו זיין די שמחות על צד היותר טוב. אַ חתונה וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין די זאַלן פון בית רחל פּאַראַדייס, איז אָפּגעראָכטן געוואָרן צום שיין פון אַ גענעראַטאָר סיסטעם. אויך אַ שבע ברכות וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין זאַל פון קרן ויואל משה, האָט מען געפּראַוועט צום שוואַכן שיין פון אַ גענעראַטאָר און ליכט.

ווידער אַן אנדערע שמחה וואָס האָט געזאָלט אָפּגעראָכטן ווערן אין זאַל פון "עטרת פיגא" האָט צוליב דעם קורצשלוס נישט געקענט דאָרט אָפּגעראָכטן ווערן, און איז אַריבערגעפירט געוואָרן צום ביהמ"ד בית שמואל בנימין אויף די ראַוונע גאַס. עס האָט זיך נאָר געשאַפן פּראָבלעמען, ווייל עס איז ניטאָמאָל געווען קיין מעגליכקייט מודיע צו זיין



וואס איין נארישער קלאץ קען אנמאכן... איינע פון די אראפגעפאלענע זוילן אין שכינות פון קרית יואל וואס האט אפגעהאקט די לעקטער פאר טויזנטער משפחות

פאַר די בני משפחה אַז דער פלאַץ פון די שמחה האָט זיך געביטן צוליב די טעלעפאן פראבלעמען, ביז איינער פון די משפחה איז פערזענליך אַרומגעפאָרן מיט אַ קאַר צו אַלע משפחה מיטגלידער און איבערגעגעבן די אַנטוויקלונג וואו די שמחה וועט געפראַוועט ווערן.

טייל פון די בני משפחה וועלכע האָבן זיך פאָרט נישט דערוואוסט וואו די שמחה ווערט געפראַוועט, האָבן זיך צום סוף דערוואוסט דורך אַ וויליאַמסבורגער איינוואוינער, וועלכער האָט פונקט האַרט פאַר די שמחה געהאַט צוריק-באַקומען בליץ-עלעקטראָנישע פאַרבינדונג, און אַזוי האָט יענער זיך דערוואוסט און איבערגעגעבן פאַר די אַנדערע בני משפחה [...].

## כאַאָטישער מצב אפעקטירט אויך עמוירזשענסי אגענטורן

דינסטאָג צופרי האָבן אויך אָנגעהויבן אַריינקומען קאָלס אינעם חברים הויפטקוואַרטיר איבער מענטשן וואָס דאַרפן עלעקטריציטעט פאַר לעבענס וויכטיגע מאַשינען. די חברים אָרגאַניזאַציע האָט זיך אָרגאַניזירט און מען האָט אַראָפגעשיקט דעם חברים טראָק צו די אַלע ערטער און מען האָט אַריינגעצויגן אַ ווייער פונעם טראָק'ס עלעקטרישן סופליי ביז אַריין צו די שטיבער, און אַזוי האָט מען יעדן געגעבן סערוויס פאַר ווילאַנג מען האָט געדאַרפט נוצן די מאַשינען.

אַ הויפט עמוירדזשענסי איז דינסטאָג אַנטשטאַנען געוואָרן ווען די הויפט הצלה עמוירדזשענסי טעלעפאָן נומער ליין האָט אויפגעהערט פונקציאָנירן און די הצלה האָט זיך פאַרבונדן מיט חברים זאָגנדיג אַז מען דאַרף דרינגענד הילף. היות די חברים מיטגלידער האָבן אַלע ראַדיאָס, האָט מען דורכדעם געקענט דערגרייכן אַלע הצלה מיטגלידער און זיי באַקאַנט מאַכן מיט'ן פּראָבלעם. מען האָט אַראָפגעשטעלט הצלה מיטגלידער ביי באַשטימטע ערטער אין די שטאָט צו קענען נעמען קאָלס.

אויך זענען די חברים מיטגלידער אַרומגעפאָרן מיט'ן חברים טראָק און אויסגערופן אַז היות דער הצלה ליין אַרבעט נישט, איז אין פאַל פון עמוירדזשענסי אַז עמיצער דאַרף רופן הצלה זאָל מען צוגיין צו סיי וועלכן חברים אויטאָ און רופן הילף און חברים וועט דעם רוף ווייטער געבן פאַר די הצלה. די חברים אויטאָס האָבן אַלע געהאַט אויפ'ן דאַך די בליטשקענדיגע עמבער ליכט אַזוי מען זאָל זיי קענען באַמערקן און וויסן ווי צוגיין און רופן פאַר הילף.

אינצווישן איז פאָרגעקומען אַן ערנסטער עמוירדזשענסי ווען אַ קינד האָט זיך רח"ל געשטיקט און מען האָט נישט געקענט רופן די הצלה, בחסדי ה' איז דאָרטן דורכגעפאָרן אַ חברים מיטגליד און די פאַמיליע איז געקומען צולויפן שרייענדיג פאַר הילף. דער חברים מיטגליד איז גראַדע געווען טרענירט אין סי. פּי. אַר. און האָט אָפּגעראַטעוועט דאָס קינד, דאן האָט ער אויפ'ן ראַדיאָ גערופן די הצלה וואָלונטירן וועלכע האָבן איבערגענומען די אַרבעט.

מען האָט דערפאַר פאַרדאָפּעלט די באַמיאונגען אַראָפּצושטעלן הצלה אינגעלייט ביי יעדע פון די הויפט גאַסן, כדי קיין שום אָרט זאָל נישט בלייבן אָן הצלה דעקונג. שפּעטער אינמיטן טאָג איז אַ טייל פון די טעלעפאָן ליניעס יאָ צוריקגעקומען, און דערפאַר האָט מען געקענט קאָנצענטרירן דאָס אַראָפּשטעלן די הצלה און חברים מיטגלידער אויף די גאַסן וואָס האָבן נאָכנישט געהאַט קיין טעלעפאָן ליניעס.

## ווילידזש באאמטע נעמען זיך ארבעטן צו פרובירן טרעפן א לעזונג

באלד דינסטאג אינדערפרי, ווי נאר דער שטורעם האט זיך אפגעטראגן פון אונזער ראיאן, האט זיך אנגעהויבן די אינטענסיווע ארבעט דורך די איבערגעגעבענע ווילידזש באאמטע אפצושאצן דעם שאדן פאר קרית יואל און טון אלעס וואס מעגליך עס צו פארריכטן אזוי שנעל וואס נאר מעגליך.

יעדער האט באלד פארשטאנען אז דאסמאל וועט נעמען א ווילע ביז ווען מ'וועט קענען פארריכטן אלע פראבלעמען. עס איז דאס ערשטע מאל זינט קרית יואל'ס היסטאריע וואס מ'דארף זיך ספראווען מיט די נאכווייען פון א שטורעם וואס האט איבערגעלאזט 8 מיליאן היימען אן עלעקטריציטעט. און עס איז געווען נאטורליך און זעלבסטפארשטענדליך אז קרית יואל איז גארנישט אנדערש ווי די אנדערע מיליאנען אמעריקאנער וועלכע ווארטן אומגעדולדיג זיך צו קענען אומקערן צו זייער געווענליכן סדר היום, און אז מ'וועט דארפן זיך אנגארטלען מיט אביסעלע געדולד ביז ווען אלעס וועט צוריקגעשטעלט ווערן אין פלאץ.

גלייכצייטיג איז געווען קלאר פאר די הנהלת הקרי' אז דוקא אין א צייט פון קריזיס דארפן קרית יואל און אירע פארשטייער צייגן א מוסטער פון קידוש השם. מיר ווייסן דאך אז "אדם ניכר בכיסו בכוסו ובכעסו", און אין א צייט פון צעמישעניש איז דער ריכטיגסטער און וויכטיגסטער שריט צו געדענקען אז נאך אלעם געפינען מיר זיך אין גלות, און זיך אויפפירן לויט ווי די תוה"ק פארלאנגט פון אונז.

אין די זעלבע צייט איז אויך געלעגן פאר די אויגן דער שטענדיגער פליכט פון די געטרייע ווילידזש פירער צו ארבעטן איבער די כוחות און מיט אלע מעגליכקייטן צו טון אלעס אין דער וועלט צו ברענגען אן ענדע צום קאשמאר וואס איז ארויפגעפאלן אויף טויזנטער משפחות און זייערע פילע טויזנטער קינדערלעך כ"י.

דער ערשטער שריט איז געווען אז דער ווילידזש האט באאויפטראגט עטליכע ארבעטער, ערפארענע און טויגליכע יונגעלייט, וועלכע האבן זיך ארויסגעלאזט איבער די גאנצע שטאט צו טרעפן פון וואו עס שטאמען די פראבלעמען פאר קרית יואל'ס עלעקטריציטעט, מיט'ן באוואוסטזיין אז דורך צושטעלן פאר אָו-ענד-אַר א פולקאם דעטאלירטן באריכט פונעם פראבלעם וועט מען האבן געטון פאר זיי א האלבע ארבעט, און דאס וועט זיי ערמעגליכן שנעלער זיך אפצוגעבן מיט פארריכטן די פראבלעמען.

## נישט מער ווי עטליכע זוילן?!

עס האט זיך שנעל ארויסגעשטעלט אז די שטאט קרית יואל זעלבסט האט נישט געליטן קיין ערנסטן שאדן ב"ה פונעם הוריקעין. אנדערש ווי אין די ארומיגע געגנטער, זענען 80% פון קרית יואל'ס עלעקטרישע דראטן באגראבן אונטער דער ערד, וואס מ'זעט אלעמאל די גרינע קעסטלעך צושפרייט אין אלע גאסן אין קרית יואל, און נאטורליך ווערן די אונטערערדישע דראטן געווענליך נישט געשעדיגט פון קיין הוריקעין. אפילו די עלטערע קרית יואל'ער גאסן וואו די עלעקטרי דראטן זענען נאך יא געצויגן אויף די האלצערנע זוילן, געפינען זיך אויך גאר ווייניג ביימער גענוג נאנט צו די זוילן אז זיי זאלן קענען געשעדיגט ווערן. זייער שנעל האט מען געזען אז דער פראבלעם מיט די לעקטער איז נישט אין קרית יואל נאר ערגעץ אנדערשוואו.

די ווילידזש באאמטע האבן זיך דאן ארויסגעלאזט זוכן דעם שורש פונעם פראבלעם. מען האט אפגעצייכנט א האלבע מייל אין אלע זייטן ארום קרית יואל אנצוהייבן זוכן, און געווען אנטשלאסן צו גיין זוכן ווי ווייט עס פעלט אויס ביז מען דערטאפט דעם פראבלעם.

מ'האט אבער נישט געדארפט זוכן צו ווייט. בליץ שנעל האט זיך ארויסגעשטעלט אז די שאדן איז צוטיילט אין צווייען, אויף ביידע זייטן קרית יואל. ביי איין עק, אויף די קאונטי ראוד 105 נאכ'ן אווערפעס/לארקין דרייוו זענען געווען איבערגעריסענע עלעקטרי דראטן, וואס האט אפגעהאקט די לעקטער פאר קנאפע 600 משפחות אין דרום-מזרח קרית יואל; אבער דער עיקר שאדן איז געווען אויף סקאנעמאנק ראוד, אריבער דעם 17, אויפ'ן וועג וואו מ'פארט צו די וואלערא גאז סטאנציע. דארט זענען געווען אראפגעפאלן פיר אָו-ענד-אַר זוילן, און יענע איבערגעריסענע דראטן האבן אויסגעשאלטערט די לעקטער פאר קנאפע 2,100 משפחות, מער צו דרום-מערב קרית יואל.

ווי נאר דער ווילידזש האט באוויזן צו אידענטיפיצירן די דאזיגע פראבלעמען האט מען זאפארט זיך פארבינדן מיט די אָו-ענד-אַר הויפטקווארטירן, און זיי איבערגעגעבן די ציפערן פון די פראבלעמאטישע זוילן — יעדער זויל פון אָו-ענד-אַר איז אנגעצייכנט מיט א ספעציעלן ציפער, צו קענען גרינג אידענטיפיצירן וועלכן זויל מ'דארף פארריכטן — און זיך געבעטן אז זיי זאלן וואס שנעלער אראפשיקן זייערע ארבעטער עס צו פארריכטן, יעצט אז מ'האט שוין געטון פאר זיי א האלבע ארבעט.

באזונדער האט דער ווילידזש געמאנט ביי אָו-ענד-אַר אז וויבאלד די פאמפס פאר די מערערע וואסער קוואלן אינעם ווילידזש ארבעטן אויף לעקטער, און נישט אלע פון זיי האבן אייגענע זשענערעיטארס, האט דער מאנגל אין לעקטער אויטאמאטיש אויך אויפגעברענגט זארג פאר א מאנגל אין וואסער. און טראץ וואס בשעת מעשה איז נאך געווען גענוג וואסער אין די טאנקען און טייל פאמפס האבן געארבעטארום דעם זייגער, דורך גענעראטארן, ארויפצוברענגען וואסער פון די קוועלער, פארט וואלט דאס עווענטועל געקענט פירן צו אן ערנסטן וואסער מאנגל אין קרית יואל.

[אגב, דארף טאקע דערמאנט ווערן לשבח די גענויטע "וואסער דעפארטמענט" פונעם ווילידזש, אנגעפירט דורך הר"ר יעקב גליק הי"ו, וועלכע האט געארבעט מיט אומגעהויערער איבערגעגעבנקייט ארום דעם זייגער צו פארזיכערן אז עס קומט טאקע נישט חלילה צו קיין וואסער מאנגל אין די שטאט. צוגעשטעלט גענעראטארן וואו עס איז מעגליך געווען, און בכלל געשטאנען אויף דער וואַך דורכאויס דעם גאנצן קאשמאר אז עס זאל נישט צוקומען אויך דער קלאפ פון א וואסער מאנגל — וואס ווייניג מענטשן נעמען אין אכט, אבער א מאנגל אין וואסער וואלט געווען דאס ערגסטע תוצאה פון דעם לעקטערישן קורצשלוס. מ'קען לעבן אן לעקטער, ווייניגסטנס פאר א שטיק צייט, אבער אן קיין וואסער צום טרינקען, בית הכבוד געברויכן, אא"וו וואלט געווען אוממעגליך אנצוגיין.

אבער אין די זעלבע צייט דארף אויך ארויסגעברענגט ווערן נאך אן 'אגב', אז מיטוואך און דאנערשטאג האבן זיך גענומען פארשפרייטן אומ'אחריות'דיגע קלאנגען אז עס איז "שוין" דא א וואסער מאנגל אינעם ווילידזש, עפעס וואס איז געווען גאר ווייט פונעם אמת, און פאקטיש האט מען נאך דאן ניטאמאל געהאלטן ביי די קריזיס שטאפלען.

אדרבא, דוקא דער דאזיגער זינלאזער פאניק האט געברענגט דערצו אז מענטשן זאלן זיך נעמען אנפילן וואנעס, טעפ, און שיסלען מיט וואסער, וואס דאס האט געקענט ברענגען אן ערנסטן מאנגל, וויבאלד דער וואסער סיסטעם איז אפילו אין אירע בעסטע צייטן נישט אויסגעשטעלט צו קענען אנפילן אין די זעלבע האלבע שעה אלע וואנעס אין קרית יואל...]

אויפ'ן פארלאנג פון אָו-ענד-אַר האט מען זיי צוגעשטעלט א פונקטליכע ליסטע פון אלע וואסער קוועלער און וואו זיי געפינען זיך, כדי זיי זאלן זיך



חברים" העלפט אידן באהעפטן דעם לעקטער צו א גענעראטאר



| | | | # |
|---|---|---|---|
| 2616095 | 92902-13007 | Rimenev ct and Quickway Rd on the cross | 54386 48720 |
| 1002948 | 23400-75007 | 53-ive lane. Brenner prop. off of larken Dr | 54620 48143 |
| 2239904 | 12682-12005 | 12 Berdichev rd. Schunnmunk on The Cross | 54392 48986 |
| 5972942 | 72742-11001 | Backertown Rd. Next to sewer plant | 54713 48616 |
| 1552583 | 25492-12000 | DA Weider Ct. off of Forest Rd | 54215 48780 |
| 6521909 | 25230-27010 | Berdichev rd. cor. Raywood Rd.off of Schunnmunk rd | 54374 49028 |
| 5972940 | 12472-12005 | New plant on 10 Berdichev rd. off of Schunnmunk rd | 54896 48976 |
| 5972938 | 89395-00006 | Israel zupnick rd. in Back of the Girl school | 54669 48721 |

די ליסטע פון וואסער קוועלער וועלכע ארבעטן אויפ'ן לעקטער וואס איז צוגעשטעלט געווארן פאר או-ענד-אר לויט זייער פארלאנג

איבערצייגן אין די ערנסטקייט פונעם פראבלעם. א ספעציעלער שליח איז אראפגעפארן צו די אָו-ענד-אַר הויפטקווארטיר אין בלומינג גראוו מיט די ליסטע. באזונדער איז די ליסטע ארויסגעשיקט געווארן דורך פאקס (וואס האט, אגב, נישט געארבעט. מסתמא צוליב א לעקטער מאנגל), און אויך דירעקט צום אימעיל פונעם אָו-ענד-אַר פארשטייער מיט וועמען מען האט געהאנדלט. אלעס כדי צו זיין זיכער אז זיי פארשטייען ווי קריטיש וויכטיג דאס איז פאר קרית יואל.

נאך א גרויסער פראבלעם איז געווען דער פאקט אז דער ״עזרת חולים העלט צענטער״ איז אויך געבליבן אויסגעשאלטערט פון לעקטער, וואס שפיטעלער זענען אין אלגעמיין א הויפט פריאריטעט ביי אלע עלעקטריציטעט פירמעס ווען מ׳רעכנט אויס וואו ערשט צוריקצושטעלן לעקטער, און טראץ וואס דער העלט צענטער איז טעכניש נישט קיין ״שפיטאל״, שטעלט עס אבער צו גענוג וויכטיגע געזונטהייט סערוויסעס פאר די צענדליגער טויזנטער נפשות אין קרית יואל בלעה״ר וואס זאל פארלאנגען עס ארויפצורוקן גאר הויך אויף די ליסטע פון ערטער וועלכע דארפן צוריק קריגן זייער לעקטער.

פארט האט מען לכתחילה נישט געזוכט צופיל צו ציען קיין פינגער מיט אָו-ענד-אַר. נאך אלעם, ווי געזאגט, טאר מען נישט פארגעסן אז מיר געפינען זיך אין גלות, און פונקט ווי אין קרית יואל זענען נאך מיליאנען מענטשן געזעצן אין דער פינסטער. בלית ברירה האט מען זיך אנגעגארטלט מיט הלל׳ס געדולד און געווארט אויף די גליקליכע מינוט ווען זאכן וועלן זיך נעמען רירן ארום קרית יואל.

## מיטוואך וירא, אקטאבער 31 למספרם

### קעלט כוואליע רוקט זיך אן

צוליב דעם קורצשלוס איז מיטוואָך ווייטער נישט געווען קיין שולע פאַר די תלמידות, און אויך די נוירסערי כתות אין תלמוד תורה האָבן נישט געהאַט קיין חדר צוליב דעם צובראָכענעם דאַך אויפ׳ן בנין התלמוד תורה.

אַ גרויסער טייל קינדער פון עטליכע געגענטער האָבן מיטגעהאַלטן די רייכע סלייד פרעזענטאַציעס וואס ווערט איצט געצייגט ביי די אָנגייענדע קלענערע פּאַרטיס פון מוסדות יטב לב בארה״ק, און איז ספּעציעל געצייגט געוואָרן פאַר די קינדער אין די פרייע צייט, אַריינצוברענגען אין זיי אַ געוואַלד מיט ידיעות איבער די היסטאָריע פון די הייליגע מוסדות, וואָס ברענגט אַריין אַ געוואַלד מיט ידיעות צווישן די יונגע קינדער.

מיטוואָך איבער׳ן טאָג האָט זיך דער מצב נישט צופיל געבעסערט. די שטאָט איז דערווייל איינגעטונקען אין אַ שטאקיגער פינסטערניש, און טויזנטער נפשות, מאַמעס מיט פּיצלעך קינדער, זקנים עם נערים גרייטן זיך מיטצולעבן אַ קאַלטע נאַכט, אויף וועלכן וועטער עקספּערטן זאָגן פאר אַז דער טעמפּראַטור וועט מעגליך פאַלן ביז אַזוי נידריג ווי 30 די גראַד. תושבי קרית יואל האפן אַז די עלעקטריציטעט זאל ווי שנעלער צוריקגעשטעלט ווערן, אבער מיט אלס מער פאלנדע ערווארטונגען.

צוליב׳ן שווערן מצב איז די געטרייע ״פּאָבליק סעיפטי״ גרייט אַ גאַנצן טאָג און אַ גאַנצע נאַכט כל כל צרה שלא תבא. זינט ווען מ׳האָט זיך אָנגעהויבן צו גרייטן צום האָריקעין, איז דער ״קאַמענד צענטער״ פונעם פּאָבליק סעיפטי פּאַרקירט געווארן אויפ׳ן גרויסן פּאַרקינג-לאט פּאָרענט פון ביהמ״ד הגדול, מיט א פארברייטערטע שטאב וואו מ׳האט געקענט כסדר צוקומען בעטן הילף. דאָס איז אויסער דעם וואָס פּאָבליק סעפטי אויטאָס פארן אַרום איבער אַלע טיילן פון קרית יואל, אָנצובאָטן הילף פאַר סיי ווער אימער עס נויטיגט זיך דערין. אויך במשך די נאַכט באַוואַכן זיי די שטאָט אַ גאַנצע נאַכט בס״ד.

ביז מיטוואָך האָט דער ציבור זיך ווי נישט ווי געספּראַוועט מיט אַלע שוועריקייטן, אָבער מיטוואָך, צוויי טעג נאָכ׳ן אָנקום פון האָריקעין סענדי, האט שוין דער מצב אנגעהויבן ארויסגיין פון קאנטראל, עס איז שוין נישט געווען קיין בלעקאַוט פון בלויז געציילטע שטונדן וואָס מען קען גאנץ גרינג איבערטראגן, עס איז שוין געווען צוויי טעג וואָס מען איז געזעצן אין די פינסטער, אָן קיין פריזשידער, וואשמאשינס, און אנדערע וויכטיגע געברויכן.

דער חברים טראָק האָט זיך אַרויסגעשטעלט צו זיין אַ גאָר נוצבארער געצייג ביי די עמוירדזשענסיס, עס האָט ווירקליך פונקציאָנירט ווי אַ מאָביל פּאַוער סטאַנציע, צב״ש פילע מענטשן האָבן געהאַט די נייערע סארט וואַש מאַשינען וועלכע דאַרפן



״עזרת חולים העלט צענטער״ אפערירט אויף א מאכטפולן גענעראטאר וואס זיי האבן פארשאפט

זיין איינגעפּלאָגט מען זאָל דאָס קענען עפענען, און היות ביי פילע פון די האָט זיך געמאַכט אַז עס איז געווען נאָרוואָס-געוואַשענע וועש אינעם וואַש מאַשין און מען האָט די וואַש מאַשינען נישט געקענט עפענען, איז דער חברים טראָק אַראָפּגעקומען און מען האָט אַריינגעצויגן אַ ווייער אַזוי האָבן מענטשן געקענט אַרויסנעמען די וועש און פאַרזיכערן אַז עס גייט נישט קאַליע.

פילע מענטשן האָבן וואַסער-סופליי סיסטעמען וואָס זענען אָנגעוויזן אויף פּאָמפּס און דאָס איז אויך קאַליע געגאַנגען ביים האָריקעין און דער גאַנצער שטוב ווירטשאַפט איז אָפּגעשטעלט געוואָרן. צו דעם האָט מען אויך גענוצט דעם חברים טראָק צו געבן אַ האַלבע שעה פּאַוער פאַר די דאזיגע שטובער, און אַזוי האָבן זיי געקענט אָנפילן דעם וואַסער טאַנק פונעם סיסטעם און מען האָט געהאַט וואַסער פאַר אַלע געברויכן.

דער חברים טראָק איז אויך געשטאַנען צום דינסט כסדר פאַר די וואָס דאַרפן נעבולייזערס סיי פאַר קינדער און סיי פאַר ערוואַקסענע, וואָס מען האָט געמוזט יעדע פיר שעה אַראָפּפאָרן מיט׳ן חברים טראָק און געבן עלעקטריק צו נוצן דעם נעבולייזער, עס איז געווען אַ סערוויס וואָס האָט געהאַט אַ פונקטליכן סקעדזשול און אַזוי האָט מען געהאָלפן צענדליגער אידן און מען האָט קיינעם חלילה נישט אָפּגעזאָגט.

אויך זענען געקומען רופן פון שטובער וואו מען האָט ל״ע קראַנקע, אָדער עלטערע לייט, וועלכע האָבן שפּיטאָל בעטן, און מען האָט נישט געהאַט קיין פּאַוער צו רוקן די בעטן, און דערפאַר האָט מען אויך גענוצט דעם חברים טראָק.

### מען שאַלטערט איין די שטאָט אויף גענעראַטאָרן

טראץ וואס אין אלגעמיין פארמאגן וויניג קרית יואל׳ער איינוואוינער אוועקגעלייגט גענעראטארן פאר א צייט פון קריזיס, האט דער צווייטער טאג נאכ׳ן האריקעין שוין געפירט צו א וואקסענדן פארלאנג אין וואס איז יעצט געווארן א קריטיש וויכטיגער סופליי: גענעראטארן.

ווער עס האט באוויזן האט זיך אליין פארשאפט א גענעראטאר און די נויטיגע גאזאלין דערפאר. א באזונדערע אקציע איז אונטערגענומען געווארן דורך די חשוב׳ע עסקנים פון ״חברים״ און אנדערע צו פאַרשאַפן גענעראַטאָרן און אָנבינדן ווי מער פאַמיליעס מעגליך אויף אַ גענעראַטאָר. דאָס איז געווען דער פּראָגראַם פון די חברים אָרגאַניזאַציע פאַר גאַנץ מיטוואָך און דאָנערשטאָג, טרעפן און פאַרשאַפן גענעראַטאָרן, און אָרגאַניזירן דעם גאַנצן אַרמיי פון בעלי מלאכה, און עלעקטרישאָנס און סתם אינגעלייט מיט פעאיגע הענט איינצושאַלטערן וואָס מער דירות אויף גענעראַטאָרן.

אין פילע פעלער איז דאָס געווען בבחינת זכין לאדם שלא בפניו, און מענטשן וואָס זענען געווען אין די פינסטער און אין די קעלט זענען אומפאַרהאָפט איבערראַשט געוואָרן צו באַקומען הייצונג און ליכטיגקייט דורכ׳ן גענעראַטאָר פונעם שכן וואָס ווען חברים האָט דאָס איינגעשאַלטערט האָבן זיי שוין אינזינען געהאַט דעם אַנדערן אויך אָן אפילו אים פרעגן.

דאָס אַליינס איז געווען אַ וואונדערבאַרע אַרבעט דאָס צו אָרגאַניזירן און באַגלייטן, און עס איז געווען אַ מאַניפעסטאַציע פון חסד און כבוד שמים ווען אינגעלייט האָבן געאַרבעט שעות ארוכות שלא על מנת לקבל פּרס כדי צו העלפן אידן האָבן עלעקטריציטעט און הייצונג.

צווישן די אַרבעטער האָט זיך אויך געפונען אַ מנהל פונעם תלמוד תורה וועלכער איז אַ צדיק נסתר, בעסער געזאָגט אַן עלעקטרישאָן נסתר, וואס האָט יעצט איבערגעלאָזט די מלאכת שמים אין תלמוד תורה און האָט זיך אַראָפּגעשטעלט מיט׳ן צווענגל און די עלעקטריק טעיפּ איינצושאַלטערן עלעקטריציטעט פאַר אידישע קינדער. עס איז געווען אַ בילד וואָס האָט יעדן עלעקטריזירט...

אויך מיט די גענעראַטאָרן אַליינס האָבן די קרית יואל׳ער תושבים אויסגענוצט די געלעגענהייט צו טון חסד איינער מיט׳ן צווייטן. אידן וועלכע האָבן צוגעטשעפּעט גענעראַטאָרן צו זיך אין שטוב, האָבן אויך מכבד געווען די שכנים אַז מ׳זאָל דערפון ציען עלעקטריק צו די אייגענע דירות. דאָס זעלבע איז געווען מיט די געשעפטן וועלכע האָבן געדינגן גרעסערע גענעראַטאָר׳ס האָבן געגעבן די מעגליכקייט פאר דערנעבענדיגע געשעפטן זיך אויך אנצוטשעפן דערין, אַזוי האָבן א גרויסער טייל פון די געשעפטן געקענען פונקציאָנירן ווייטער, מיט כאָטש מינימאַלע סערוויס.

אויך די ביי וועמען די עלעקטריק איז בכלל נישט אויסגעשאַלטערט געוואָרן, האָבן געגעבן די מעגליכקייט פאר זייערע שכנים צו ציען עלעקטריק פון זייערע דירות, אַרויסהעלפענדיג אַנדערע מיט א גאר זעלטענעם סארט פון ״הכנסת אורחים״ – אקאמאדירן א ׳גאסט׳ אין יענעמ׳ס אייגענע שטוב...

אויך אין די געגענטער וועלכע זענען נישט אַפעקטירט געוואָרן פונעם קורצשלוס, האָט דער קורצשלוס איבערגעלאָזט שטאַרקע פינגער-איינדרוקן. אַלע געגענטער זענען געווען פול מיט געסט, וועלכע זענען אַריינגענומען געוואָרן דורך קרובים און גוטע פריינד, וואָס האָבן מקיים געווען די מצוה פון הכנסת אורחים מיט גרויס הידור.

די געטרייע וואָלונטירן פון ״חברים״ האָבן געלאזט אינסטאָלירן א ספעציעלן נומער, וואו מ׳האָט געקענט אַריינרופן, סיי בעטן אַז מ׳וויל וואַשן וועש, און סיי ווער עס האָט יאָ געהאַט די מעגליכקייט האָט זיך געקענט אָנטראָגן אַז מ׳נעמט אָן די וועש פון אַנדערע משפחות דאָס צו וואַשן געהעריג.

דער אייגנאַרטיגער חסד אַפּאַראַט האָט זיך אַרויסגעשטעלט אַלס געוואַלדיגער הילף פאר הונדערטער תושבים, וועלכע האָבן זיך ממש מחי׳ געווען דערמיט.

פון די אַנדערע זייט האָט מען ווייטער נישט פאַרגעסן פון אידן וועלכע זענען אָנגעוויזן אויף פאַרשידענע מעדיצינישע עקוויפּמענטס, טייל פון זיי קריטיש. וואו עס איז געווען נויטיג האָט מען צוגעטשעפּעט גענעראַטאָרן אַז עס זאָל ליכטיג מאַכן די גאַנצע היים.

א באזונדערע הארעוואניע איז אריינגעלייגט געווארן דורך די


פּאבליק סעיפטי״ האט אראפגעשטעלט מערערע אזוינע ״פארטעבל לעקטערס״ אין מערערע ווינקלען פון שטאט צו באלייכטן די פינסטערע גאסן

# די ליכטיגקייט אין דער פינסטערניש:



נישטא קיין לעקטער, נישטא קיין רויט-לייטס



אזא סארט טונעל...




לעקטערישע דראטן ווערן געצויגן
קיין מזרח און מערב, מעלה און מטה



דער ביזנעס צענטער הערמעטיש פארמאכט,
צענדליגער טויזנטער דאלארן שאדן פון אידיש געלט



אויך דער "בית השחיטה" איז געבליבן פארמאכט אויס זארג
פאר א וואסער מאנגל, ווידער א ריזיגער געלט שאדן



אנדערע מאכן גראדע שיין ביזנעס... גענעראטארן ווערן
פארקויפט אויפן "ווילידזש קאמיוטער פארקינג לאט",
קעגנאיבער דעם ביהמ"ד הגדול





די תינוקות של בית רבן באטראכטן מיט באדויער ווי דער האריקעין האט חרוב געמאכט דעם דאך פון זייער תלמוד תורה



דאס וואסער האט אריינגעדרינגען אין חדר אריין. מערערע
כיתות האבן זיך געדארפט ארייננשטופן אין איין קלאס-צימער









"חברים" ביי די אימערמידליכע ארבעט דורכאויס דעם האריקעין







דער ווילידזש ארבעט אויף אלע פראנטן אז או-ענד-אר זאל אנצינדן צוריק די לעקטער ווי אמשנעלסטן. דער ווילידזש האט אויף די אייגענע קאסטן געארבעט מיט פראנטיער צוריקצולייגן די פיר זוילן אויף סקאנעמאנק דרייוו, וואס האט עווענטועל געצווינגען או-ענד-אר צוריקצושטעלן דעם לעקטער נאך אנהייב שב"ק, פריער ווי זייער ארגינעלער פלאן



דער אייגנארטיגער נומער מיט וואס יעדער זויל ווערט פארצייכנט ביי או-ענד-אר און פראנטיער



מ'האט געמוזט אראפברענגען א ספעציעלער טייערער מאשין צו גראבן דעם לאך, כדי נישט אויפצוטרייסלען די דערנעבנדיגע גאז ליניעס




ביי די ארבעט, אינאיינעם מיט פראנטיער, צוריקצולייגן די זוילן

















דער פריזער אינעם "בית השחיטה המהודרת" האט צוגעשטעלט זייער פריזער (און זייערע מאכטפולע גענעראטארן) צו ראטעווען שווערע טויזנטער דאלארן סחורה פאר מערערע געשעפטן אין די שטאט

# די ליכטיגקייט אין דער פינסטערניש:

**תורה ותפילה ביתר שאת ויתר עוז באלייכט די גאנצע שטאט אין דער טיפער פינסטערניש**














# די ליכטיגקייט אין דער פינסטערניש:















„פאבליק סעיפטי" ביי די אימערמידליכע ארבעט דורכאוים דעם האריקעין


















מצילי אש" ביי די אימערמידליכע ארבעט דורכאוים דעם האריקעין

הנהלה פונעם "עזרת חולים העלט צענטער" צו קענען צוריק אנצינדן דעם לעקטער אינעם צענטער, וואס איז קריטיש וויכטיג פאר די געזונטהייט באהאנדלונגען פון די גרויסע שטאט, וואס זעלבסטפארשטענדליך אז מיט אזא ריבוי עם בלעה"ר איז אוממעגליך צו לאזן די שטאט אנגיין אן קיין צוטריט צו געניטע און פראפעסיאנאלע געזונטהייט סערוויסעס.

נאך לאנגע זוכענישן איז געלונגען צו פארשאפן א גרויסן גענעראטאר וואס זאל צושטעלן כאטש גענוג לעקטער צו קענען עפענען דעם צענטער, אפילו אויב באגרעניצט. און אזוי האט מען ב"ה געקענט צוריק עפענען דעם העלט צענטער וואס איז אלעמאל קריטיש וויכטיג פאר די שטאט, ספעציעל אין אזא האקעלע צייט.

## דער וואזשנער פלאן פון די ווילידזש באאמטע

אין די זעלבע צייט האָבן די געטרייע ווילידזש פירער נישט גערוט קיין טאָג און קיין נאַכט.

אריינרופענדיג אויף די אָפיציעלע נומערן פון די "או-ענד אר" עלעקטעריק פירמע, האָט געקענט שיעור-שלעכט ווערן הערנדיג פון זייערע פּלענער, אַז די לעקטער אין רוב דירות וועלן זיין צוריקגעשטעלט ערשט אום 12 טעג שפּעטער, ד. ה. פריעסטענס זונטאָג אָדער גאָר מאָנטאָג פרשת תולדות. עפעס וואס וואלט איבערגעלאזט א צושמעטערנדן לאנג-טארמיניגן אפעקט אויף די עקאנאמיע, און טאג טעגליכער ריטם, פון אלע תושבי קרית יואל, און זעלבסטפארשטענדליך האט מען נישט געקענט איינרועןבן ביז ווען דאס ווערט פארראכטן אזוי שנעל ווי נאר מעגליך.

אין א רעקאָרדירטער מעסעדזש וואָס איז אַרומגעטראָגן געוואָרן צו אַלע תושבי קרית יואל, האָט דער געטרייער מעיאָר הרה"ח ר' אברהם ווידער הי"ו איבערגעגעבן אַז עס ווערט געטון פאַרשידענע שתדלנות אויף אַלע פראָנטן, זיכער צו מאַכן בעזהשי"ת אַז קרית יואל ווערט ח"ו נישט באַקריוודעט דורך די עלעקטרי-פירמעס, און אַז זיי געדענקן גוט אַז קרית יואל איז א שטאט פול מיט גרויסע משפחות און קליינע קינדער, וועלכע נויטיגן זיך דאָס ערשטע אַז מ'זאָל פאר זיי צוריקשטעלן דעם לעקטער.

גלייכצייטיג איז אויפגעשטעלט געווארן דורכ'ן ווילידזש א ספעציעלער האטליין וואו עס זענען געמאלדן געווארן אלע אנטוויקלונגען וואס מ'האט געקענט דערציילן און איבערגעבן פאר'ן ברייטן ציבור, צו האלטן דעם ציבור אינפארמירט מיט דער פארשריט פון די הארעוואניע וואס ווערט אריינגעלייגט צו ענדיגן דעם קאשמאר.

מיטוואך נאכמיטאג, 48 שעה נאכ'ן האריקעין, האט מען זיך ארומגעזען אז עס איז נישט קיין תכלית. טויזנטער משפחות פרירן אוועק, און דערצו האבן דאן טעמפעראטורן גענומען פאלן, אבער אָו-ענד-אַר מאכט זיך נישט וויסנדיג כאילו מ'רעדט צום לאמפ. פונקט אזוי וויכטיג איז געווען דער פאקט אז דער שבת קודש דערנענטערט זיך, און ס'איז איבריג מסביר צו זען וואס עס מיינט א שבת קודש פאר א אידישע משפחה אין דער פינסטער. נישט אומזיסט האבן חז"ל אזוי שטארק אנגעווארנט צו פארזיכערן אז ס'איז ליכטיג אין אידישע שטיבער שבת קודש.

מ'האט אבער נישט געזען און געהערט קיין שום צייכן פון אָו-ענד-אַר ארבעט סיי וואו ביי די אראפגעפאלענע זוילן און דראטן, און ס'איז געבליבן פינסטער אויפ'ן האריזאנט... פון אָו-ענד-אַר'ס זייט האט אויך געהערשט א דונערדיגע שטילקייט. די קאמוניקאציע פון די פירמע מיט די ווילידזש באאמטע איז געווען גענצליך איבערגעבראכן (און נישט נאר מיט די קרית יואל'ער ווילידזש באאמטע, אויך אנדערע רעגירונג'ס באאמטע אין די געגנט האבן געטאפט א וואנט ביים פרובירן אנצוקומען צו סיי וועלכע אינפארמאציע, זעט שפעטער מער דערוועגן).

די ווילידזש פירער, אין שפיץ פון דעם ענערגישן אדמיניסטראטאר הרה"ח ר' גדלי' סעגעדין הי"ו, האבן זיך אריינגעווארפן בלב ונפש צו טרעפן א וועג וויאזוי מ'קען שטופן דעם וואגן פאראויס און ברענגען אָו-ענד-אַר צו דער אנערקענונג אז דא מוז עפעס געטון ווערן פריער ווי ביי אנדערע געגנטער. דאן איז אויפגעברענגט געווארן א העכסט מערקווירדיגער פלאן.

היות ווי די זוילן פון אָו-ענד-אַר ווערן אויך באנוצט דורך פראנטיער פאר די טעלעפאן דראטן — אָו-ענד-אַר האט דעם גרעסטן טייל שותפות רעכט איבער די זוילן, און פראנטיער איז א קליינע-פראצענט שותף — און עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז אין פראנטיער האט מען יא אנגעטראפן איינגעשטעלטע וועלכע זענען גרייט געווען ארויסצוהעלפן. איז מען דעריבער אויפגעקומען מיט א פלאן אז אנשטאט ווארטן אויף אָו-ענד-אַר, זאל פראנטיער אויסנוצן זייער שותפות רעכט און אליין צוריקשטעלן די פיר זוילן, אזוי אז ס'וועט נישט בלייבן פאר אָו-ענד-אַר מער ווי די ארבעט פון ציען די דראטן — וואס אויך די דראטן זענען דא געווען, נאר זיי זענען געווען אראפגעריסן — עפעס וואס האט לכל הדיעות נישט געדארפט נעמען לאנג. און אזוי וועט מען בע"ה ענדליך אנקומען אל המנוחה ואל הנחלה.

פראנטיער פון זייער זייט האט זיך באלד אנגעטראגן מיט'ן גאנצן הארץ און זיך ארויסגעשטעלט אלס גאר וויליג צו ארבעטן אינאיינעם מיט'ן ווילידזש צו ראטעווען די לאגע. עס איז נאר אויפגעקומען איין פראבלעם.

ווען מ'וויל גראבן אין דער ערד איז פאראן צוויי מיטלען פון גראבן. געווענליך נעמט מען א גרויסן דרילער און יענער נעמט זיך שניידן שטיקער אין דער ערד אריין, באגלייט מיט'ן גאנצן געווענליכן שמוץ און גערודער. אבער אין האקעלע ערטער וואו מ'קען נישט נוצן א דרילער פאר סיי וועלכע סיבה, דארף מען נוצן א ספעציעלן "וועקיום דרילער", וואס אנשטאט גראבן א לאך אין דער ערד ציט עס ארויס די ערד דורך אן אויסטערליש שטארקן לופט-דרוק וואס פראדוצירט א וואקיום וועלכעס 'עסט אויף' די ערד. נאטורליך איז דער צווייטער סארט גראבן א גאר דעליקאטער און טייערער פראצעדור.

דא האט זיך ארויסגעשטעלט אז א גאז ליניע פון אָו-ענד-אַר לויפט דורך הארט נעבן די זוילן, וואס אין אזא פאל טאר מען נישט גראבן מיט א געווענליכן דרילער ווייל די ציטערנישן פונעם גראבן קענען שפאלטן דעם גאז-רער, און מ'מוז דערפאר נוצן א "וועקיום דרילער", וואס איז אסאך טייערער. פראנטיער האט געזאגט אז זיי זענען נישט גרייט צו באצאלן דעם טייערן פרייז פאר א "וועקיום דרילער", און זיי קענען ווארטן ביז ווען אָו-ענד-אַר וועט אליין גראבן דעם לאך אויף זייערע אייגענע קאסטן.

דער ווילידזש האט אבער נאטורליך נישט געקענט ווארטן ביז ווען אָו-ענד-אַר וועט זיך אויסקראצן, וואס וואלט אפגעקאסט עקסטערע אויסטערליש טייערע צייט, און דער ווילידזש האט אליין אראפגעברענגט א פירמע מיט וועמען מ'האט שוין אמאל געארבעט, און יענע האבן אויפ'ן ווילידזש'ס חשבון אויסגעגראבן די נויטיגע לעכער וואס האט זיך אויסגעפעלט [מ'האט געדארפט אראפגראבן לעכער פון 7.5 פיס טיף צו קענען אריינשטעלן די זוילן].

עס וועט נאך אבער נעמען א לאנגע וויילע ביז מ'וועט זען די עלעקטרישע דראטן ארויפגעצויגן אויף די פיר זוילן. זעט שפעטער מער דערוועגן.

## דאנערשטאג וירא, נאוועמבער 1 למספרם

זעענדיג אַז עס נעמט נישט קיין עק, און עס גייט דורך איין טאָג און נאָך א טאָג אָן קיין עלעקטריק, האָבן פילע תושבי קרית יואל אָנגעהויבן צו טראַכטן אייגענע פלענער. אַסאַך וועלכע האָבן מתחלה נישט געוואָלט איינקויפן קיין אייגענע גענעראַטאָרן צוליב די הויכע קאסטן דערפון טראַכטענדיג אַז ביז עטליכע טעג ווען די לעקטער שוין סיי-ווי זיין צוריקגעשטעלט, האָבן נאָך עטליכע טעג זיך באַרעכנט אַז עס איז פּשוט א שאָד אַז מ'האָט עס נישט איינגעקויפט עטליכע טעג פריער... און עס איז געווען קלאָר אַז איינער וואָס האָט פריער אינוועסטירט אין גענעראַטאָרן האָט גוט מתפלל געווען די פאַרגאַנגענע הייליגע טעג...

פון אַלע זייטן האָט מען געזוכט צו קויפן גענעראַטאָרן. דאָנערשטאָג און פרייטאָג איבער'ן טאָג זענען כסדר אָנגעקומען גאַנצע טראָקס מיט גענעראַטאָרן וועלכע זענען גיך צוכאַפּט געוואָרן דורך די תושבים, פאר וועמען עס איז פּשוט ליכטיג געוואָרן פאַר די אויגן מיט דעם שוואַכן שיין וואָס א געוועונליכער גענעראַטאָר קען צושטעלן פאר א באַוואוינטע דירה.

## הייבט זיך אן שפירן גאזאלין מאנגל

דאָנערשטאָג האט קרית יואל אנגעהויבן שפירן דעם אלגעמיינעם גאזאלין קריזיס וואס האט באטראפן דעם ראיאן אלס איינע פון די נאכווייען פון האריקעין סענדי.

פונקטליך וואס איז געווען די אונטערלאגע פאר דעם קריזיס מאנגל געהער נישט אין דעם ארטיקל, גענוג אנצואווייזן אז נאכ'ן האריקעין איז אנטשטאנען א שטארקער מאנגל אין דעם פראדוקט וואס איז געקרוינט אלס די "בלוט פון די אמעריקאנער עקאנאמיע". לאנגע רייען אויטאמאבילן האבן זיך געשלענגלט ביי יעדע גאז סטאנציע אין ניו יארק און ניו זשוירזי. און דער מאנגל האט גאנץ שנעל דערגרייכט אויך קרית יואל.

עס איז געוואָרן אַ פּאַניק און מענטשן האָבן גענומען באַלאַגערן די גאז סטאַנציעס פאַר גאזאָלין, און נאטורליך, וואס מער די באַלאַגערונגען זענען געשטיגן אַלס גרעסער איז דער מאַנגל געוואָרן. צוגעבנדיג צום מאַנגל איז געווען דאָס וואָס מענטשן האָבן גענוצט פיל מער גאַזאָלין, נוצנדיג דאס אויך פאַר די גענעראַטאָרן.

די "חברים" אָרגאַניזאַציע איז ווידער אַריינגעשפּרונגען אויפ'ן בילד און האָט זיכער געמאַכט אַז אַלע עמוירדזשענסי טראָקס אין שטאָט זאָלן האָבן גאַזאָלין, זי האָט אויך געהאָלפן מענטשן טרעפן גאַזאָלין פאַר די גענעראַטאָרן, און באזונדער אָנגעפילט פילע רויטע קאַנעס פון גאַזאָלין און דאָס געגעבן פאַר נויטבאדערפטיגע. מען האָט זיכער געמאַכט אַז די גענעראַטאָרן פון די עלטערע לייט און די מיט קראַנקע אין שטוב זאָלן זיין אָנגעפילט כדי עס זאָל נישט קומען צו קיין סכנת נפשות.

אויך האָט מען אָרגאַנאיזירט אַז פילע זקנים זאָלן אַרויסמופן פון זייערע דירות אַריבער צו ערטער וואו עס איז דאָ עלעקטריציטעט, דאָס איז געווען אַ באַזונדערע אַרבעט פאַר זיך, וואָרום מען האָט געדאַרפט איבערצייגן די עלטערע לייט מסכים צו זיין. ווי יעדער פאַרשטייט איז דאָס נישט גרינג פאַר אַן עלטערן פּאָרפּאָלק, און רוב פון זיי האָבן דאָס געטאָן גאָר אומגערן און נאָך לאַנגע הפצרות.

מען האָט געדאַרפט פאַר זיי טרעפן פּאַסיגע ערטער און אויך אַריבערציען זיי און זייער גאַנצער קלאַפּער-געצייג, אָבער די חברים אָרגאַניזאַציע האָט געטאָן די אַרבעט מיט גרויס איבערגעגעבנהייט וויסנדיג אַז דאָס



די פאליציי האלט ארדענונג ביי די גאז סטאנציעס, וואו לאנגע ליניעס פון קארס האבן אויסגעלעקט ביז'ן לעצטן טראפן גאזאלין


דער ביהמ"ד הגדול באהאפטן צום מאכטפולע גענעראטארן, ערלעדיגט דורך הרה"ח ר' אברהם ווידער שליט"א, ראש הקהל און מעיאר פון קרית יואל

איז הצלת נפשות, און אַן עלטערער פאַרפאַלק קען נישט בלייבן אין שטוב אַליינס אָן לעקטער טראָצדעם וואָס מען קען ביי זיי איינשאַלטערן אַ גענעראַטאָר.

דער חברים אָפיס איז אויך געוואָרן דער הויפט גאַזאָלין אינפאָרמאַציע צענטער. פילע מענטשן האָבן אַריינגערופן געבן אינפאָרמאַציע איבער וועלכע גאַזאָלין סטאַנציעס אינעם געגענט פאַרמאָגן גאַזאָלין, און די אינפאָרמאַציע האָבן די חברים וואָלונטירן ווייטער איבערגעגעבן פאַר אַלע וואָס האָבן אַריינגערופן צו חברים פרעגן וועגן גאַזאָלין.

די חברים אָרגאַניזאַציע איז געווען טעטיג אויפ׳ן געביט פון גאַזאָלין אין אַלע ריכטונגען, צב״ש האָט זיך געמאַכט אַ פאַל (מוצש״ק וירא) אַז דער פאַראַמעדיק אויטאָ איז אויסגעלאָפן פון גאַזאָלין און חברים האָט דאָס צוגעשטעלט.

[אגב, דארף מען טאקע דא אויסדריקן אַ שטאַרקן דאַנק פאַראײנעם פון די חשוב׳ע שותפים אינעם וואַלעראָ גאַזאָלין סטאַנציע, וועלכער האָט איבערגעגעבן זיין פערזענליכן טעלעפאָן נומער פאַר די חברים וואָלונטירן און איז געשטאַנען גרייט אין אַלע שעה׳ן פון די נאַכט צו עפענען די סטאַנציע און טיילן גאַזאָלין בשפע רב.

אויך האָט חברים פרייטאָג נאָכמיטאָג באַקומען אַ נדבה פון גאַזאָלין אין פאָרעם פון צוויי ריזיגע טאַנקען פון גאַזאָלין וואָס מען האָט אַריינגעפיטערט אינעם חברים טראָק, און במקום די וואַסער וואָס מען טראָגט אין די זומער וואָכן, איז יעצט פאַר׳ן בלעקאַוט און האָריקעין סענדי געווען גאַזאָלין. די גאַזאָלין איז צוגעגרייט געוואָרן כדי צו קענען דאָס געבן פאַר די שבת גוים אָנצופיטערן די גענעראַטאָרן, (מער איבערדעם שפעטער).]

עקסטער איז די חברים צונוץ געקומען פאַר די סקול באָסעס דאָ אין שטאָט, וואָרום דער פאָמפ פאַר זייער גאַזאָלין טאַנק האָט נישט געאַרבעט, און עס האָט געדראָעט אַז די גאַנצע פלאָטע מיט באָסעס זאָל געשטראַנדעט ווערן. דאָ איז אַריינגעקומען אין בילד די אימערמידליכע "חברים" אָרגאַניזאַציע וועלכע איז געשטאַנען טעגליך שעות ארוכות ביים פאָמפ און צוגעשטעלט עלעקטריציטעט, מיטוואָך, דאָנערשטאָג, און פרייטאָג. אַזוי אַז מען זאָל קענען אַריינפאָמפן די ברענשטאָף אין די באָסעס.

## אנשטאט העלפן, שטערן זיי גאר!




ווי מיר האבן פריער דערמאנט, זענען די ווילידזש פירער אויפגעקומען מיט א וואזשנע המצאה, צו טון האלב פון די ארבעט פאר אָו-ענד-אַר. מ׳איז זיך אויסגעקומען מיט פראנטיער, באצאלט א באדייטנדן טייל פון די קאסטן (וואס דער ווילידזש וועט קיינמאל נישט צוריקזען, ווייל אָו-ענד-אַר זאגט אז זיי האבן געהאט אן אייגענע פירמע דערפאר, אבער דאס איז א באזונדערע טעמע). ענדליך האט מען זיך דערזען ביים מצב אז מ׳האט דאנערשטאג פארנאכטס באוויזן אויסצוגראבן די נויטיגע לעכער און אריינלייגן די זוילן.

ס׳ליינט זיך אזוי לייכט און שנעל "אויסגעגראבן די נויטיגע לעכער". פאקטיש האט עס גענומען היפש לאנג ביז ווען מ׳האט זיך אין א מזל׳דיגע שעה דערזען ביים שטאפל פון אויסגראבן די לעכער.

עס איז געווען שאקירנד ביז גאר, וואס אנשטאט אָו-ענד-אַר זאל ארויפשפרינגען אויף די מציאה אז זיי האבן געטראפן דא אפשר די איינציגסטע מוניציפאליטעט אונטער זייער יוריסדיקציע וואס איז גרייט אליין ארויסצוהעלפן מיט די ארבעט פון צוריקשטעלן דעם לעקטער פאר ׳זייערע׳ אייגענע קונדן, און טון די שמוציגע ארבעט פאר זיי, האבן זיי גאר גענומען אונטערשטעלן פיסלעך פאר די ארבעט פון צוריקשטעלן די זוילן!

אנגעהויבן האט זיך עס ווען פראנטיער האט פארלאנגט פון אָו-ענד-אַר דעם קריטיש וויכטיגן "מאַרק אַוט" – די מאפע פון וואו עס לויפן אדורך די גאז ליניעס, וואס אן דעם קען מען נישט גראבן אין ערגעץ, און זיכער נישט אויף א פלאץ וואס מ׳ווייסט קלאר אז דארט לויפט אדורך א גאז-רער וואס קען געשעדיגט ווערן פונעם גראבן. ס׳איז עפעס וואס דארף נישט נעמען מער ווי 1 שעה אפירצוזוכן, און אויב איז מען שטארק פארנומען קען עס דויערן אפשר 2 שעה. אבער דערווייל, אין קול ואין עונה, מ׳הערט נישט פון קיינעם. זיי מאכן זיך פשוט נישט וויסנדיג.

עס האט געדויערט גאר לאנג ביז ווען מ׳האט בכלל צוריקגעהערט פון אָו-ענד-אַר און געקענט קריגן פון זיי דעם מארק-אוט. דאנערשטאג נאכמיטאג, 2 אזייגער, איז שוין פראנטיער געשטאנען גרייט מיט פיר נייע זוילן, אויך די פירמע פון אהייא איז שוין געשטאנען גרייט צו גראבן, אבער נאך אלץ נישט געזען קיין זכר פון אָו-ענד-אַר.

ענדליך זענען עטליכע שעה שפעטער אנגעקומען די אָו-ענד-אַר פארשטייער. יעדער האט שוין




**מיט דער הילף פון "פראנטיער טעלעפאן" פירמע האט מען באוויזן צוריק אויפצושטעלן די פיר זוילן, אבער או-ענד-אר האט נאך אלץ גארנישט געטון**

אפגעאטעמט אז מ׳גייט זיך שוין אט אט קענען נעמען צו דער ארבעט, אבער אָאפס, נישט אזוי שנעל...

שטייענדיג שוין דארט אלע אינאיינעם, גרייט, האט דער אָו-ענד-אַר פארשטייער זיך מיטאמאל ׳דערמאנט׳ אז עס זענען פאראן "לעבעדיגע" דראטן וועלכע קענען חלילה עלעקטריזירן דעם וואס פארעט זיך דערמיט. איי, דער מציאות אויפ׳ן פלאץ האט געוויזן אז ס׳איז נישטא קיין שום לעבעדיגער דראט אין די גאנצע אומגעגנט?!

דער דאזיגער שפיל האט געקאסט נאך עטליכע טייערע שעות, אבער ענדליך איז מען פארטיג געווארן אויך דערמיט. די נייע זוילן זענען שוין געשטאנען מאיעסטעטיש אויסגעצויגן אין דער הייך, יעצט האט נאר אויסגעפעלט אז אָו-ענד-אַר זאל אראפשיקן עטליכע ארבעטער און צוריק באהעפטן די אראפגעפאלענע דראטן, און אלעס איז פיקס פארטיג.

און דאס פאר זיך איז נישט גענוג געוועזן. אויסער דאס אויפהאלטן אזוי לאנג מיט די פאלשע איינרעדעניש איבער לעבעדיגע דראטן, האט נאך אָו-ענד-אַר לכתחילה געהאט ארומגעשלעפט ביים אריינשיקן זייערע פארשטייער, מיט׳ן ניגון אז ׳זיי האבן מורא אריינצוקומען קיין קרית יואל אָן קיין פאליצייאישע באגלייטונג׳, צוליב׳ן תירוץ אז עטליכע יאר צוריק איז פארגעקומען א פארדריסליכער אינצידענט צווישן אָו-ענד-אַר מיט א קרית יואל׳ער איינוואוינער, וואס האט דאן געברענגט די פירמע ארבעטער אריינצומישן די פאליציי, און יעצט האבן זיי געטענה׳ט אז אויפ׳ן אנבליק פון יענעם איינמאליגן אינצידענט קענען זיי ׳נישט אריינקומען קיין קרית יואל אן פאליציי׳ ווייל זיי ׳האבן מורא אז מ׳וועט זיי אטאקירן׳...

אָן אריינגיין יעצט אין די דעטאלן פון יענעם אינצידענט מיט יארן צוריק, וואס איז פאר זיך געווען איבערגעטריבן און אויפגעבלאזן פון זייער זייט, אונן אפגערעדט פונעם טרוקענעם פאקט אז די זוילן זענען געווען אינדרויסן פונעם ווילידזש און זיי האבן בכלל נישט געדארפט אריינטרעטן אין קרית יואל זיך צו באפאסן דערמיט, האט די חוצפה פון דעם נארישן תירוץ און קינדערישע נקמה אקציע ארויסגענומען פון די גלייזן יעדן וואס האט עס געהערט. פלוצלונג זענען אָו-ענד-אַר געווארן אזוינע פחדנים וואס קענען נישט אריינקומען אין קרית יואל נאר מיט פאליצייאישער באגלייטונג?! האבן זיי צב״ש אמאל אפגעהאלטן זיך פון קומען ליינען די קרית יואל׳ער מיטערס אן פאליציי? האבן זיי אפילו איינמאל געהאט א פראבלעם צו קומען אפהאקן די לעקטער פאר קרית יואל׳ער איינוואוינער וועלכע האבן נישט געצאלט, און געמוזט נוצן פאליציי ביים אריינקומען?!

פונקט יעצט, ווען יעדע מינוט ברענט און טויזנטער משפחות פרירן אוועק אין דער פינסטער, האבן זיי פלוצלונג ׳מורא׳ אריינצוקומען אין א ווילידזש וואו עס איז פאראן א 0% פארברעכן ראטע?! זענען טאקע די קינדערישע נקמה געפילן גענוג ווערד געוועזן זיך צו שפילן מיט׳ן בלוט פון צענדליגער טויזנטער נפשות?!

## ניו יארקער רעגירונגען ברויזן אויף עלעקטרי פירמעס

דער שפיל האט זיך געצויגן ביז דאנערשטאג פארנאכטס, ווען די זוילן זענען געווען אריינגעשטעקט, אבער דאנערשטאג איבער׳ן גאנצן טאג איז אנגעגאנגען אן אומאויפהערליכער דרוק מצד די ווילידזש באאמטע אויף אלע ערוויילטע פאליטישאנס אז זיי זאלן אונטעריאגן די ארבעט ביי אָו-ענד-אַר.

במשך די גאנצע צייט זינט דעם האריקעין איז די קאמוניקאציע מיט אָו-ענד-אַר געווען טאטאל צוזאמגעבראכן. קיינער דארט האט נישט געוואוסט צו זאגן פונקטליך וואס עס זענען די פלענער, און ווען עס וועט וואו ווערן צוריק איינגעשטעלט די לעקטער. אויך איז נישט געווען דארט געהעריג קיין ווארטזאגער מיט וועמען מ׳האט געקענט שטיין אין כסדר׳דיגן קאנטאקט ווי עס פארלאנגט זיך אין אזא פאל.

דאס פאר זיך איז געווען א האלבע צרה, אבער נאך וואס אָו-ענד-אַר האט א גאנצן מיטוואך זיך נאך פאר׳עקשנ׳ט צו שטערן די ווילידזש׳ס אייגענע אונטערנעמונג צוצויאגן די ארבעט דורך אליין צוריקשטעלן די פיר זוילן, איז קלאר געווארן אז קרית יואל איז זייער נידריג אויף זייער ליסטע. 40 פראצענט פון די אָו-ענד-אַר קונדן האבן שוין געהאט צוריקבאקומען זייער לעקטער אבער קרית יואל האט נאכנישט געזען קיין זכר פון קיין אָו-ענד-אַר, אויסער ווען ס׳איז געווען ׳קריטיש וויכטיג׳ צו שטערן קרית יואל און פראנטיער פון ארויסהעלפן מיט ׳זייער׳ ארבעט[!].

פון די ערשטע מינוט וואס מ׳האט זיך אריינגעווארפן אין די ארבעט איז קרית יואל געשטאנען אין פארבינדונג מיט די ערוויילטע פאליטישאנס, ספעציעל דער געטרייער סטעיט סענאטאר ביל לארקין און איבערגעגעבענער קאונסילמאן פון טאון אוו מאנרא, הארלי דאולס, עקטינג סופערווייזאר, וועלכע זענען געשטאנען צו די רעכטע האנט פונעם ווילידזש און פרובירט צו שטופן דעם וואגן, אבער אן ערפאלג.

ווען מ׳האט אנערקענט אז דאס איז נישט גענוג און או-ענד-אר רעכנט זיך גאנץ ווייניג מיט קרית יואל׳ס קריטישע אומשטענדן, האט מען זיך פארבינדן מיט די ערוועלטע באאמטע פון די גאנצע געגנט, ארויף ביז צום קאונטי עקזעקוטיוו און נאך ווייטער, ווי אויך די דאן-קאנגרעספרוי נען העיווארט, און גענומען בעטן בתחנונים אז זיי זאלן אויפפאדערן אָו-ענד-אַר זיך צו רעכענען מיט די אייגנארטיגע געברויכן פון די טויזנטער גרויסע משפחות אין קר״י, און צוריקשטעלן דעם לעקטער וויינגיסטנס בעפאר דער שבת קודש קומט צו גיין.

ביים זיך פארבינדן מיט די אנדערע רעגירונג׳ס באאמטע האט מען אנגעהויבן הערן אויך פון אנדערע אז די קאמוניקאציע מיט אָו-ענד-אַר איז פשוט נישט עקזיסטירנד. ממש נישטא מיט וועמען צו רעדן דארט. אזוי צב״ש האט סענדי לענארד, דער טאון אוו מאנרא סופערווייזער, דערציילט פאר די ווילידזש באאמטע אז אָו-ענד-אַר האט אים פערזענליך פארשפראכן אז דאנערשטאג צופרי שיקן זיי ענדליך אראפ זייערע ארבעטער קיין מאנרא צו

פארריכטן די היגע פראבלעמען. צופרי האבן זיי אים געמאלדן אז עס ווערט אפגעשטופט אויף 2 אזייגער, אבער גאנץ דאנערשטאג האט מען נישט געזען קיין זכר פון אָו-ענד-אַר ארבעטער אין מאנרא, אן קיין שום געהעריגן הסבר וואס דא האט פאסירט.

אינעם זעלבן דאנערשטאג האט גאווערנאר קאומא, אויך אויפגעברויזט אויף די שטומפיגע ארבעט און די אלגעמיינע שוואכע צוגרייטונג צום האריקעין פון די ניו יארקער עלעקטריציטעט פירמעס, ארייננגערעכנט או-ענד-אר, ארויסגעגעבן א קאמוניקאט אז אויב זיי גארטלען זיך נישט אונטער וועט מען אוועקנעמען פון די פירמעס די לייסענס צו אפערירן די עלעקטריציטעט סטאנציעס אין ניו יארק.

קרית יואל האט, ווי געזאגט, זיך געלאזט הערן דאנערשטאג איבער'ן טאג אז דער מצב איז אומדערטרעגליך און קען נישט גיין ווייטער אזוי. אבער דער דרוק איז פילפאכיג געשטיגן ווען די ווילידזש באאמטע האבן אויף זייער אייגענעם איניציאטיוו און אייגענע קאסטן געשטופט פראנטיער צוריקצושטעלן די זוילן, און יעצט איז שוין פארבליבן פאר אָו-ענד-אַר נישט מער ווי געציילטע שעה'ן ארבעט איבערצוציען די עלעקטרישע דראטן און צוריקשטעלן לעקטער פאר וויייניגסטנס רוב קרית יואל, אבער דערווייל איז נאך אלץ נישט געווען צו וועמען צו רעדן. עס האט אויסגעקוקט ווי דער האריקעין האט פארוואנדלט גאנץ אָו-ענד-אַר אין בלינד און שטום.

ביי די דאזיגע אומשטענדן איז נישט פארבליבן עפעס אנדערש וואס צו טון, מצד דעם ווילידזש, אויסער נוצן יעדן מעגליכן מיטל צוצודרוקן אָו-ענד-אַר צו דער וואנט ביז ווען זיי נעמען זיך אויספירן זייער פליכט און טון אלעס וואס נויטיג אנצוצינדן די לעקטער אין קרית יואל, האפנטליך נאך פאר שבת קודש.

## ערב שבת קודש וירא, נאוועמבער 2 למספרם

### ויהי ביום הששי.

טראץ די אומגעהויערע באמיאונגען פון די ווילידזש באאמטע ארויפצורוקן קרית יואל העכער אויף די פריאריטעט ליסטע, און אין דער זעלבער צייט אנגייענדע באמיאונגען פון מאנרא באאמטע צו טרעפן אן אפענע אויער ביי די אָו-ענד-אַר הויפטקווארטירן, האט זיך נאך אלץ גארנישט גערירט. אפילו מ'האט שוין ענדליך ענדליך אנגעהויבן זען אָו-ענד-אַר טראקס אנקומען צו די לאקאלע קווארטירן זייערע, זענען זיי רואיגע געבליבן שטיין פארקירט אינעם פארקינג לאט, ווי זיי וואלן געקומען דא פאר א געשמאקן פארברענג...

פרייטאג פארמיטאג, ארום עלף אזייגער, האט מען געזען א גאנצע רייע אָו-ענד-אַר ריפעיר טראקס אויסגעשורה'ט ביי די מאמבאשא פייער סטאנציע אין טאון אוו מאנרא, אנדערע טראקס זענען געשטאנען פארקירט ביי די אָו-ענד-אַר געביידע אויפ'ן רוט 208. אינדערצייט וואס א שפאן אוועק פון זיי זענען געשטאנען די פיר זוילן ווי פאר'יתומ'ט, ווארטנדיג אז איינער זאל אויסנוצן די גאלדענע טאץ וואס קרית יואל אינאיינעם מיט פראנטיער האבן צוגעשטעלט פאר אָו-ענד-אַר. אָן קיין ערפאלג.

נאך וואס קרית יואל, און די ארומיגע טאונס, האבן ארויסגעשיקט פארצווייפלטע הילפס רופן צו די לאקאלע פאליטישאנס האבן דער סטעיט סענאטאר ביל לארקין מיט קאונסילמאן הארלי דאולס באשלאסן אראפצוקומען מיט די אייגענע אויגן זען וואס גייט דא פאר, 'הכצעקתה', ווי שאקירט זענען זיי געווארן ביים אנקומען צו די אָו-ענד-אַר געביידע פרייטאג נאכמיטאג און זען דארט די טראקס זיצן רואיג און פארברענגען ווי א גרינעם דינסטאג.

ער האט באלד זיך פארבינדן מיט די אָו-ענד-אַר ווארטזאגער און אויפגעמאכט א מויל אויף זיי, ווי זיי האבן די חוצפה צו לאזן טויזנטער פאמיליעס זיצן אין דער פינסטער, ווען דער שב"ק דערנענטערט זיך מיט ריזן שריט. סענעטאר לארקין האט זיך נישט באגנוגנט דערמיט נאר זיי געווארנט אז ער פלאנט צו פאררופן א פרעסע קאנפערענץ און א קאר פיקעטינג פארנט פון זייער געביידע און דארט עפנטליך אויסשמייסן די עלעקטריציטעט פירמע פאר זייער נאכלעסיגער ארבעט.

נאך אזא סטראשונקע האבן זיי שוין גענומען זינגען אנדערע זמירות. זיי האבן פארשפראכן מיט די הייסטע לשונות אז די לעקטער וועט ווערן צוריקגעשטעלט אזוי פרי ווי נאר מעגליך, אבי מען זאל אפשטעלן דעם געפלאנטן פרעסע קאנפערענץ און פיקעטינג.

זיי האבן נאך אלץ נישט גענומען זיך ארבעטן אויף די פיר זוילן – ווארשיינליך האבן זיי מורא געהאט צו באשטעטיגן אז די דאזיגע זוילן זענען טאקע געווען דער פראבלעם, און ווי



פרייטאג אינדערפרי האלב עלף זענען צען או-ענד-אר טראקס געשטאנען ליידיג ביי די "מומבאשא פייער סטאנציע", ווי עס וואלטן נישט געווען דא צענדליגער טויזנטער נפשות וואס שטייען און ווארטן צו האבן א לעכטיגן שבת




דער "קרית יואל סוער פלענט" האט אויך אראפגעברענגט מאכטפולע גענעראטארן צו פארזיכערן אז דער פלענט גייט אן מיט דער ארבעט ווי געהעריג

גרינג ס'וואלט זיי געווען צו פארריכטן – אבער זיי האבן געטראפן אן אנדערע אלטערנאטיווע אויסצוקרויזן די זוילן, און ענדליך זיך גענומען צו דער ארבעט.

## עסקני "שכונת ברך משה" פרובירן זיך צו פארבינדן מיט'ן בית השחיטה

ווי געזאגט פריער איז דער לעקטער אפגעהאקט געווארן אויף צוויי פלעצער, דרום-מזרח אויפ'ן קאונטי ראוד 105 און דרום-מערב אויף סקאנעמאנק רד. אויף די אנדערע זייט פונעם 17. די גאנצע סומעטאכע מיט די פיר זוילן האט זיך אפגעשפילט אויף סקאנעמאנק רד., ביי די אנדערע זייט איז דער פראבלעם געווען מער קאמפליצירט, און דארט איז נישט געווען עפעס וואס די ווילידזש האט געקענט טון מער ווי זיך בעטן בתחנונים צו אָו-ענד-אַר, און שפעטער אויך לייגן דרוק אויף די ערוויילטע באאמטע אז זיי זאלן אונטערקיצלען אָו-ענד-אַר אויסצופירן זייער פליכט.

אגב, אז מ'רעדט שוין, וועט זיין אינטערעסאנט מיטצוטיילן מיט די חשוב'ע ליינער איבער די אינטענסיווע באמיאונגען פון עטליכע געטרייע עסקנים וועלכע האבן געארבעט אימערמידליך ביז די לעצטע מינוט פונעם שב"ק אין א פרואוו צו לינדערן די שווערע לאגע אין שכונת ברך משה, און כאטש ס'האט זיך נישט איינגעגעבן, פארדינען די עסקנים פארט אזויפיל אז זייער הארעוואניע זאל דערמאנט ווערן אלס מפרסמים עושי מצוה, און ווי רבוה"ק זי"ע האבן אונז אלעמאל געלערנט אז מ'דארף טון, נישט אויפטון.

פרייטאג אינדערפרי האבן עסקנים פון די שכונה זיך פארבינדן מיט דעם "בית השחיטה המהודרת" צופוסנס פונעם דינוב בארג, אז היות ווי דערמאנט איז דער בית השחיטה נישט געווען אין באנוץ יענע עטליכע טעג צוליב דעם זארג פאר א וואסער-מאנגל, אבער די געביידע פארמאגט אייגענע מאכטפולע גענעראַטאָרן, וואלט אפשר געווען א פלאן אז מ'זאל באהעפטן דעם לעקטער פון די גאנצע געגנט צו די בית השחיטה גענעראטארן כאטש איבער שבת, אריינצוברענגען ליכטיגקייט און ווארימקייט פאר די הונדערטער משפחות אין די געגנט.

די הנהלה פונעם בית השחיטה המהודרת האבן באלד געגעבן זייער הסכמה בחפץ לב אז מ'קען נוצן זייערע גענעראטארן, זיי האבן נאר פארלאנגט אז די קאסטן פון די באהעפטונג און די גאזאלין וואס אזוינע מאכטפולע גענעראטארן פארנוצן זאלן נישט פאלן אויף זיי.

הערנדיג דאס זענען מערערע פון די געטרייע עסקנים מיט וואס די שכונה איז געבענטשט אריין אין 'אווערדרייוו'. די צייט האט געברענט, און יעדער האט זיך גענומען ארבעטן אויף זיין פראנט צו פרובירן דאס צושטאנד צו ברענגען. צווישן אנדערן האט מען זיך אויך פארבינדן מיט'ן ווילידזש, וועלכע האט פארשפראכן צוצושטעלן אלע קאסטן וואס עס וואלט געדארפט קאסטן דאס באהעפטן דעם לעקטער און די גאזאלין דאס צו אפערירן. אויך הר"ר יושע קארנבלי הי"ו פון חברים האט געמאלדן זיין גרייטקייט צו העלפן מיט סיי וואס עס פארלאנגט זיך.

למעשה איז עס שוין נישט געווען בכדי שיעשו און דער פלאן האט זיך נישט אויסגעארבעט. אבער די עסקנים וועלן זיכער קומען יעדער על שכרו משלם מן השמים.און ווירקליך אויף די דרום-מערב זייט, וואו דער ווילידזש האט אליין צוריקגעשטעלט די פיר זוילן – וואס האט געלייגט א געוואלדיגן דרוק אויף אָו-ענד-אַר און זיי געצווינגען אויפצוקומען כאטש מיט אן אלטערנאטיוון וועג צוריקצושטעלן דעם לעקטער כדי 'פטור צו ווערן' פון קרית יואל [...] – האבן רוב משפחות שוין צוריקבאקומען לעקטער פרייטאג צו נאכטס, אבער אין שכונת ברך משה איז נאך געבליבן פינסטער.

[באמת האט אָו-ענד-אַר געברענגט די לעקטער פאר די משפחות אין דרום-מערב פון די גאר אנדערע זייט, דורך נוצן אן אונטער-טיר ארייננצוברענגען פרישע לעקטער פון די זייט פונעם קאונטי ראוד 105, וואס זיי וואלטן לכאורה שוין געקענט נוצן אנהויב וואך, אבער ס'האט זיי פשוט נישט אינטערעסירט צו זוכן ביז ווען זיי האבן זיך געטראפן אונטער דעם שטארקן דרוק פון אלע לאקאלע ערוועלטע באאמטע.

עס שיינט אז וויבאלד דער עיקר דרוק איז געקומען אויף זיי צוליב די פיר זוילן, האט זיי נאר אינטערעסירט צו ברענגען לעקטער פאר די הייזער וועלכע ווערן געווענליך געפיטערט דורך יענע זוילן, און דאס איבריגע האט זיי נישט אינטערעסירט, מיינענדיג אז דורך צוריקשטעלן לעקטער פאר 'רוב' קרית יואל, וועלן די ווילידזש באאמטע זיין 'צופרידן' און אויפהערן דרוקן צוריקצושטעלן לעקטער פאר 'גאנץ' קרית יואל...]

## מען גרייט זיך לכבוד שבת קודש

ווען עס האט זיך אנגעהויבן דערנענטערן דער שבת קודש איז אויפגעשווימען דער גרויסער פראבלעם אז פאר די משפחות וועלכע קענען נישט אוועקפארן פון זייערע היימען און פלאנען צו פארבלייבן אינדערהיים, מיט אדער אן לעקטער, וועט זיין כמעט אוממעגליך צו קענען קאָכן און צוגרייטן געהעריגע שבת'דיגע סעודות אפילו ווער עס פארמאגט אן אויוון וואס ארבעט נישט אויף לעקטער.

דאנערשטאג נאכמיטאג האט הר"ר חיים בנציון ליבערמאן הי"ו, חבר ועד הפועל דקהל יטב לב, פאררופן אן אסיפה אין שטוב פונעם ראש הקהל און מעיאר, הרה"ח ר' אברהם ווידער שליט"א, אינאיינעם מיט הר"ר יושע קארנבלי הי"ו פון די "חברים" ארגאניזאציע, וואו עס איז באשלאסן געווארן אז טראץ די שפעטע שעה מוז מען צושטעלן שבת'דיגע סעודות פאר די וועלכע קענען נישט אליין קאכן, און די עסקנים פון קהל יטב לב אין שפיץ פונעם ענערגישן מזכיר הקהלה הר"ר אהרן יוסף לאנדא הי"ו, אינאיינעם מיט די עסקנים פון "חברים", האבן זיך ארייננגעווארפן אין די ארבעט צו באווייזן אויסצופירן די גראנדיעזע אונטערנעמונג.

די אַרבעט איז געווען צוטיילט אויף צוויי פאַזעס, קודם זענען די עסקנים אַריין אין די שדכנות ביזנעס, זיי האָבן געעפענט אַ מעקלעריי



אַפּעראַציע, מען האָט צוזאַמגעשטעלט די נויטבאַדערפטיגע און פּאָטענציעלע העלפערס, צב״ש די וועלכע האָבן יאָ געהאַט פונקציאנירנדע פרידזשידערס און פריזערס האָט מען אָרגאַניזירט זיי זאָלן אריבערנעמען דאָס עסן פון די וועלכע האָבן נישט געהאַט קיין לעקטער, כדי די אנגעפילטע פריזערס מיט הונדערטער דאָלאַרן ווערד פון חלות און געבעקסן זאלן נישט גיין לאיבוד. אַזוי האָט מען אָפּגעראַטעוועט אידיש האָב און גוטס און פאַרשפּאָרט אַ געוואַלד מיט עגמת נפש פאַר מענטשן.

אין א זייטיגן נאטיץ, און אויף אַן אַנדערן געביט פון ׳שידוכים׳ איז געווען דאָס ערמעגליכן מענטשן צו האָבן וועש, א הויפּט אַפּעראַציע אין אידישע שטובער איז וועש, טעגליך ווערט אויפגעטריבן א גרויסע מאָס שמוץ וועש און אַז מען קען נישט וואַשן ווערט כאַאָס, דער גאַנצער סיסטעם שטעלט זיך אָפּ. די חברים מיטגלידער האָבן שווער געאַרבעט צו טרעפן מענטשן וואָס זענען ווילּיג געווען צו העלפן אַנדערע צו וואַשן וועש און אָפּטרוקענען אַזוי האָבן אידן געהאַט פרישע וועש פאַר זיך און די פאַמיליע, ספּעציעל לכבוד שבת.

אין דער איילעניש איז באשלאסן געווארן צו אָרגאַניזירן אַ גרויסן סעודות שבת וואָס וועט סערווירט ווערן בכבוד רב אינעם פראכטפולן ״אולם עקשטיין״ [דאָס איז שוין אגב קאָמבאַנירט געוואָרן אינאיינעם מיט די שמחת שבת שבע ברכות ביי די גרעידי פאַמיליע, אַ חשובער פאַמיליע אין קרית יואל מיוצאי תימן, וועלכער האָט חתונה געמאַכט זייער טאָכטער טאַקע אינעם וואָך פון האָריקעין סענדי, און די פאַמיליע האָט כמעט נישט געהאַט קיין קרובים דאָהי, דערפאַר איז געווען גאָר פאַסיג אַז די אַלע אידן וועלכע האָבן נישט געהאַט ווי צו עסן ביי די סעודת שבת זאָלן זיך באַטייליגן ביים שבת שבע ברכות, וואָרום אין קרית יואל זענען די תימנ׳ער אידן אַלץ אויפגענומען געוואָרן מיט גרויס העפליכקייט און מען האָט זיי געמאַכט שפּירן באַקוועם ווי אייגענע פאַמיליע].

נאך דאנערשטאג שפעט ביינאכט האט זיך שוין אנגעהויבן די אינטענסיווע ארבעט פון פארשאפן און צושטעלן די הונדערטער פארציעס וועלכע וועלן זיך אויספעלן. עס זענען אויפגעהאנגען געווארן מעלדונגען, ווי אויך איז געמאלדן געווארן אויף די בארימטע טעלעפאן ליניע ״קול סאטמאר״ איבער די מעגליכקייט פון קענען עסן די שבת׳דיגע סעודות אינעם ״אולם עקשטיין״ צוזאמען ווי איין גרויסע משפחה. און נאך דאנערשטאג נאכט פאר חצות האבן שוין א שיינע צאל משפחות זיך געמאלדן אז דאס וועט זיין פאר זיי א געוואלדיגע לעזונג.

ר׳ יושע קאָרנבלי האָט אָרגאַניזירט אַ ״האַטליין״ אויף גאָר אַ ׳סאָפיסטיקירטן׳ אופן, נעמליך: זיין היים נומער... וואס איז פּראָקלאַמירט געוואָרן אויף די מודעות, און יעדער וואָס האָט געדאַרפט סיי וואָסערע הילף אויף שב״ק די סעודות, צי טרעפן ווי איינצושטיין, וכדומה, האָט אַריינגערופן צום ׳האַטליין׳. ביי ר׳ יושע אין שטוב האָבן אויפגעהויבן די ׳סעקרעטאַרן׳: די לעכטיגע קינדערלעך, וועלכע זענען שוין געשולט אין די אַרבעט פון פלייסיגער עסקנות לשם שמים, און זיי האָבן גאר געניט דורכגעפירט די אַרבעט, עס האָט אויסגעקוקט ווי מען רופט אַריין אין אַ פול-אויסגעשטאַטן אָפיס פון אַ חסד אָרגאַניזאַציע.

הרה״ח ר׳ אברהם שליט״א האט זיך אונטערגענומען אין נאמען פון די ווילידזש אויסצוצאלן א קארדינאלן טייל פון די הוצאות, און דאס איבריגע איז צוזאמגעשטעלט געווארן דורך נדיבים בעם.

א צענטראלער טייל פון די מאסיווע ארבעט איז געווען די געוואלדיגע באמיאונגען אהערצושטעלן די נויטיגע מאכלים, ביד רחבה. עס דארף דערמאנט ווערן ״מזל פיש סטאר״ וועלכער האט זיך אנגעשטרענגט צוצושטעלן די ריזיגע מאס פיש אויף פרייטאג צופרי אז מ׳זאל עס קענען אפקאכן גרייט אין צייט. פלייש איז שוין נישט געווען אינעם ״בית השחיטה״ אין א גענוגנדע מאס, האט מען דעריבער געדארפט נעמען די ״נאגעטס״ פליישעלעך, וועלכע זענען בדרך כלל טייערער אבער דער ״בית השחיטה״ האט זיך צוגעשטעלט כפי הצורך. אויך איז אַריינגעקומען אין בילד דער געטרייער קעכער פאַר׳ן אולם עקשטיין זאַל, הר״ר חיים הערש אַפּעל שליט״א ובנו הר״ר שמחה ישראל הי״ו, וועלכע האָבן זיך פרייטאָג צופרי פון איין מינוט אויפ׳ן צווייטן געשטעלט אָפּקאָכן די סעודות שבת פאַר די הונדערטער געסט וואָס זענען געקומען עסן די סעודות שבת.

פרייטאג נאכמיטאג האט זיך געטון אן אנלויף אינעם ״אולם עקשטיין״ פון משפחות וועלכע האבן יא געוואלט עסן די שבת׳דיגע סעודות אינדערהיים אבער האבן נישט געהאט די מעגליכקייט צו קאכן און צוגרייטן די מאכלי שבת, און דא האט מען זיי ממש ווי פון הימל אראפגעשיקט פארטיגע עסן, מיט׳ן בעסטן געשמאק און דער פולער ברייטקייט ביד רחבה. ס׳איז פשוט נישט געווען קיין ווערטער אין מויל צו באדאנקען די איבערגעגעבענע עסקנים. צענדליגער משפחות האבן אויך אויסגענוצט די געלעגנהייט און געקומען עסן די שבת׳דיגע סעודות אין א גוט באלאכטענע און געשמאקע ווארימע אטמאספערע אינעם זאל במשך דעם גאנצן שב״ק.

אויף גאר אן אנדערן פראנט האט דער ווילידזש זיך פארבינדן מיט די פעדעראלע ״פימ״א״ ארגאניזאציע, וועלכע איז ספעציעל אויפגעשטעלט ארויסצוהעלפן מענטשן אין צייט פון א קריזיס, און זיי האבן צוגעשטעלט א גרויסן שיפמענט פון קעסטלעך געבאטלטע וואסער וואס איז אנגעקומען פרייטאג נאכמיטאג קיין קרית יואל, אויך האבן זיי געשיקט א גאנצן קאנטעינער מיט כשר׳ע מהודר׳דיגע געפאקטע פלייש, וואס זיי האבן קאנטאקטן מיט כשר׳ע עסן סופלייערס ווען זיי נוצן פאר זייערע אלע געברויכן.

וויבאלד עס איז אנגעקומען נאנט צום שב״ק איז עס בעיקר אויסגעטיילט געווארן מוצש״ק אויף די ״ווילידזש קאמיוטער פארקינג לאט״ קעגנאיבער דעם ביהמ״ד הגדול, אונטער דער אויפזיכט פון די ״פאבליק סעיפטי

עקסטער האָט די חברים אָרגאַניזאַציע געאַרבעט אויפ׳ן צווייטן פראָנט, צו העלפן די אידן וואָס בלייבן יאָ אין שטוב אויף שב״ק דורך נוצן גענעראַטאָרן, און היות מען האָט געוואוסט אַז די גענעראַטאָרן מוז מען כסדר פלעגן און זיך אָפּגעבן מיט זיי, און אין גרויס טייל איז עס געווען משפחות וואס האבן געמעגט על פי הלכה זאגן פאר א גוי אנצופולן מיט גאזאלין, האָט מען בהוראת פונעם דומ״ץ שליט״א אַנגאַזשירט אַ ספעציעלן שטאַב מיט גוים, וואָס מען האָט צוגעגרייט צו קענען העלפן אידן מיט די גענעראַטאָרן, ד.מ. אָנצינדן ווען מען דאַרף און אָנפילן מיט גאַזאָלין.

דאָ איז נאָכאַמאָל צוהילף געקומען דער געטרייער חברים מיטגלידער, ר׳ משה ניסים מזרחי, וועלכער האָט אַ גאַנצן שטאַב מיט גוים פאַר זיין ביזנעס, און דאָ ביי האָריקעין סענדי האָט ער זיי אַהערגעשטעלט די גאַנצע וואָך און ספּעציעל אויף שבת צו דינען אַלס די גענעראַטאָר געהילפן.

א ספעציעלער עבודת הקודש איז אונטערגענומען געווארן דורכ׳ן ״ועד העירוב שע״י הנהלת הקריה״, וועלכע האבן געארבעט פון מיטוואך אינדערפרי אונטער שווערע אומשטענדן צו פארזיכערן אז דער עירוב ארום די גרויסע שטאט איז פארבליבן גאנץ. במשך גאנצע דריי טאג האבן זיי שווער געארבעט צו פארריכטן די צוימען אויף וואס עס זענען ארויפגעפאלן ביימער, און בעיקר אוועקצונעמען ביימער וועלכע זענען אראפגעפאלן אויף אזא אופן אז זיי האבן געקענט פסל׳ען דעם עירוב.

פרייטאג נאכמיטאג האט מען ב״ה געקענט ארומשיקן א רעקארדירטן מעסעדזש אז דער עירוב איז כשר וישר פונקט ווי יעדע וואך.

## קרית יואל ווערט אויסגעליידיגט

פרייטאָג-מיטאָג צייט האָט קרית יואל אויסגעזען ווי הושענא רבה נאָכמיטאָג... הונדערטער תושבים האָבן פאַרלאָזט די שטאָט, פאָרנדיג אויף שבת צו קרובי משפחה און ידידים וועלכע האָבן זיי אַריינגענומען אויף שבת מיט גרויס גאַסט-פריינטליכקייט. די געגנטער אין קרית יואל וועלכע זענען געווען אַפעקטירט פונעם קורצשלוס, זענען כמעט ווי אויסגעליידיגט געוואָרן, און סיידן מ׳האָט פאַרמאָגט א גענעראַטאָר צוגעטשעפעט צו די דירה, האָט מען געוויילט ערגעץ-אַנדערש-וואו.

אין וויליאמסבורג האט מען געטראפן אידן מארבע כנפות פון ניו יארק און ניו זשורזי. טויזנטער משפחות, בלי גוזמא, פון איבער די האריקעין-באטראפענע ניו יארק און ניו זשורזי האבן זיך איינקווארטירט ביי אידישע ברידער אין וויליאמסבורג און בארא פארק וועלכע האבן כמעט ווי אויסגעמיטן ערנסטע קאנסעקווענצן פונעם האריקעין [אויסער דער גאזאלין מאנגל, וואס זיי האבן געשפירט אסאך ערגער ווי מיר דא אין קרית יואל]. פון אלע זייטן האט מען געהערט הילכיגע ״שלום עליכם״ אויסרופן, און אידן האבן זיך געוויצלט אז עס גייט ״שבת האריקעין״...

דא אין קרית יואל זענען די געטרייע ווילידזש באַאַמטע געקומען צו הילף פאר די תושבים, ווען מ׳האָט פאַר שבת געקענט אַריינרופן א ספעציעלן נומער, צו בעטן אַז איבער שבת זאל א גוי קומען אָנפירן דעם גענעראַטאָר מיט ״גאַזאָלין״ וואָס האָט זיך אויסגעפעלט אַז עס זאָל ווייטער אַרבעטן במשך דעם גאַנצן שבת. (פאר א גרויס חלק פון די תושבים האָט עס שוין כמעט נישט אויסגעפעלט, נאָכדעם וואָס גלייך אָנהייב פונעם שבת איז שוין דער עלעקטריק געווען צוריק אין קראַפט.)

ווידער זענען געווען אַזעלכע תושבים וועלכע האָבן אויסגענוצט דעם אייגנארטיגן געלעגנהייט, און זענען דייקא פאַרבליבן אין די הייזער, כדי צו געבן פאַר די קינדער די גוטע לעקציע, ווי אַזוי מ׳קען זיך בעזהשי״ת אַן עצה געבן אויף אַלע ערליי אופנים וואָס קומט אונטער אין לעבן...

די וועלכע זענען אַרויסגעפאָרן פון קרית יואל מיט׳ן לעצטן באָס וואָס איז געפאָרן קיין וויליאַמסבורג, האָבן ממש ביים אַרויספאָרן פון די שטאָט, זיך באַגעגנט מיט די עטליכע טראָקס פון די ״אָו-ענד-אַר״ פירמע, וועלכע איז דאַן אָנגעקומען אין די שטאָט, צו פאַרענדיגן די אַרבעט מיט׳ן פאַררעכטן דעם לעקטער. נאָך עטליכע שעה איז טאַקע דער לעקטער צוריקגעשטעלט געוואָרן אין רוב טיילן פון די שטאָט. אריינברענגענדיג א ספעציעלע שמחה לכבוד שבת.

---

## שבת קודש וירא, נאוועמבער 3 למספרם

### ביי ״שלום עליכם״ ווערט ליכטיג!

דער פרייטאָג צונאַכטס איז אָנגעקומען, אידן האָבן אַריינגעטראָטן אינעם שב״ק מיט צאַפּלדיגע הערצער, גרייטנדיג זיך פאר א היסטארישן ׳פינסטערן שבת׳... אין אלע בתי מדרשים ארום די שטאט האט זיך



טייל וואסער קוועלער האבן אומאויפהערליך געפאמפט וואסער, ווערנדיג געפיטערט דעם לעקטער דורך גענעראטארן

דערקענט די קלענערע צאל מתפללים, אבער גלייכצייטיג האט מען אויך געטראפן אין יעדן ביהמ״ד פרישע פנימער, פון די ׳געסט׳ וועלכע האבן ארומגעוואנדערט אין שטאט פון איין פלאץ צו דער אנדערער.

אין א האלב-באלאכטענעם ביהמ״ד הגדול האט דער חשוב׳ער ראש הקהל און מעיאר, הרה״ח ר׳ אברהם ווידער שליט״א, אויפגעטרעטן מיט א הארציגע קורצע רעדע, אין לויף פון וועלכן ער האט זיך באדאנקט פון טיפן הארצן אין נאמען פון אלע תושבי קרית יואל פאר די אלע הילפס ארגאניזאציעס און געטרייע עסקנים וועלכע האבן זיך אוועקגעגעבן פאר די שטאט׳ס איינוואוינער אין די דאזיגע שווערע טעג.

באזונדער האט ער געשילדערט די אומאויפהערליכע באמיאונגען מצד דעם ווילידזש אינעם פרואוו צוריק צו שטעלן לעקטער כאטש אויף שב״ק. ער האט דערציילט אז ב״ה פרייטאג נאכמיטאג האט מען שוין ענדליך געזען זאכן זיך רירן, און אז האפנטליך וועט שוין נישט נעמען לאנג ביז די לעקטער וועט זיך אנצינדן.

אזוי איז זיך דער עולם צוגאנגען פונעם דאווענען מיט שפאנענדער האפענונג.

פּלוצים, בערך ווען מ׳האט אנגעהויבן זינגען ״שלום עליכם״ צו מקבל פנים זיין די הייליגע מלאכים, איז געוואָרן ליכטיג אין שטאָט, ממש במלוא מובן המלה, דער גרעסטער טייל פון די שטאָט האָט שוין געקענט געהעריג אריינקוקן אינעם זמירות ביי שלום עליכם... און עס איז געוואָרן אַ געוואַלדיגער פאַרלייכטערונג פאַר אידן.

ליהודים היתה אורה ושמחה וששון ויקר.

דאָס אַז רוב שטאָט האָט שוין צוריקבאַקומען די עלעקטריציטעט האָט נאָכנישט געמיינט אַז די העראאישע עסקנים וועלכע האבן געארבעט אומאויפהערליך דורך די גאנצע שווערע וואך האבן יעצט געקענט אָפּאָטעמען. פאר זיי איז נאכנישט אנגעקומען דער ״בא שבת בא מנוחה״.

אזוי צב״ש זענען פילע פאַמיליעס נאָך געווען אָנגעבונדן דורכאויס דעם שבת אין גענעראַטאָרן, וואָס האָט געמיינט אַז זיי האָבן נישט צוריקבאַקומען די לעקטער טראָצדעם וואָס די געהעריגע עלעקטרי סערוויס איז שוין יאָ צוריק געווען ביי זיי, און מען האָט געמוזט קעיר נעמען פון די גענעראַטאָרן און זיי אָנפילן מיט גאַזאָלין. אויך די פּאָבליק סעיפטי קאַרס זענען אינמיטן שב״ק אויסגעלאָפן פון גאַזאָלין און אַנשטאָט גיין שטיין אין די לאנגע רייע ביים גאַזאָלין סטאַנציע האָבן זיי געקענט נוצן גאַזאָלין פון חברים. אא״וו.

## שבת קודש בצל הקודש

דער גרויסער מנהיג העדה מרן הגה״ק מסאַטמאַר שליט״א איז אויף שבת קודש פאַרבליבן אין קרית יואל, און אין די ערשטע שעות פונעם שבת האָט מען נאָך געפּראַוועט אין ביהמ״ד מיט׳ן הילף פון די גרויסע גענעראַטאָרן וואָס זענען צוגעשטעלט געוואָרן דורך די הנהלת הקהלה טיילווייז צו באַלייכטן דעם ביהמ״ד הגדול.

די הונדערטער בחורי חמד, תלמידים פון די סאַטמאַרער ישיבה גדולה, האָבן אין די טעג נאָכ׳ן קורצשלוס ממשיך געווען מיט זייערע לימודים צום שיין ליכט און גענעראַטאָרן וואָס איז צוגעשטעלט געוואָרן אין די בנינים דורך די הנהלת הישיבה. עטליכע מאָל האָט דער ראש הישיבה מרן הגה״ק מסאַטמאַר שליט״א באַזוכט אין די היכלי הישיבה, און מעודד געווען די בחורים ממשיך צו זיין מיט די לימודים ביתר שאת ועוז. אין ישיבה סניף ברך משה האָט דער רבי שליט״א משמיע געווען מאמרותיו ביים שיעור בספר תהלים דאָנערשטאָג נאָך תפלת שחרית, און האָט אַרויסגעברענגט געוואַלדיגע נקודות וואָס מ׳קען זיך אַרויסנעמען פון דעם איבערלעבעניש וואָס מ׳גייט אַצינד דורך.

אויף שבת קודש זענען די בחורים אַהיימגעפאָרן למקומות מושבותיהם, און דער רבי שליט״א האָט דעריבער מעריך געווען שולחנו הטהור אין היכל ביהמ״ד הגדול, נאָכדעם וואָס דער היכל השולחנות אין בנין מבצר הכוללים איז נאָך דאַן געווען אַפעקטירט פונעם קורצשלוס.

פרייטאָג-צו-נאַכטס ביים עריכת השולחן — וואס איז צוליב דעם קורצשלוס געווען צוגעגרייט אינעם פאליש פון ביהמ״ד הגדול — האָבן זיך באַזונדער אָנגעזען די געהויבענע געסט כ״ק גאב״ד סאַטמאַר-מאָנטרעאַל שליט״א און הגה״צ אבדק״ק ציעשנוב שליט״א וועלכע האָבן געווײלט אין די שטאָט לרגל השמחה בבית בנו-חתנו הגה״צ רבי שלמה רובין שליט״א רב דביהמ״ד דברי שמחה ציעשנוב בקרית יואל, שמחת הולדת הבת ושמחת הקידושא רבה וואָס איז געפּראַוועט געוואָרן שבת אינדערפרי.

ביים טיש נאָכ׳ן דערציילן סיפּורי צדיקים האָט דער רבי שליט״א מכבד געווען דעם ציעשנובער רב שליט״א אויך צו דערציילן סיפּורים, וואָס ער האָט דערציילט פון זקינו הרה״ק רבי ישכר דוב מבעלזא זי״ע לרגל היומא דהילולא, און עס האָט זיך ביים טיש געשאַפן אַן אייגנאַרטיגער שיחת צדיקים, ווען דער רבי שליט״א צוזאַמען מיט׳ן מאָנטרעאַלער רב שליט״א און דער ציעשנובער רב שליט״א האָבן דערציילט אינטערעסאנטע סיפּורים מבית אבותיהם הק׳ זי״ע.

## זונטאג חיי שרה, נאוועמבער 4 למספרם

### ליכטיג, נישט פאר יעדן

גלייך מוצאי שבת קודש האָט זיך אין אַלע געגענטער אין ניו יאָרק צושפּרייט די בשורה טובה, אַז אין רוב טיילן פון קרית יואל זענען שוין דאָ לעקטער, און די תושבים האָבן זיך געאײלט אַהיימצוקומען צו די אייגענע ליכטיגע דירות. אזוי אויך איז מוצ״ש ארומגעגאנגען א רעקארדינג דורך די היימישע וואלערא גאז סטאנציע מיט די בשורה טובה אז זיי האבן אריינגעברענגט אזויפיל ווי 12,000 גאלאן גאזאלין, וואס איז גענוג און איבעריג פאר כאטש א פולע וואך פון קרית יואל׳ס גאזאלין געברויך, אזוי אז דער גאזאלין פאניק האט באלד נאכגעלאזט, וויייניגסטנס דא אין קרית יואל.

מוצ״ש האָט זיך פריש גענומען אַריינשטראָמען אַ פלייץ פון הילפס רופן צום חברים הויפטקוואַרטיר, דאָס מאָל איז עס געווען מענטשן וועלכע האָבן שוין געהאַט עלעקטריציטעט וועלכע האָבן געבעטן הילף מען זאָל זיי אויסשאַלטערן דעם גענעראַטאָר, און צוריק איינשאַלטערן די געהעריגע לעקטער. די ״חברים״ האט שווער געארבעט און אַראָפּגעקומען אין צענדליגער הייזער אויסצושאַלטערן די גענעראַטאָרן און צוריק איינצושאַלטערן די געהעריגע לעקטער, טראָץ וואס איז נישט די ארגינעלע ארבעט פון חברים און עפעס וואס דארף אין נארמאלע צייטן געטון ווערן דורך פראפעסיאנאלע עלעקטרישאנס.

יעצט האט מען אויך געקענט נוצן די גענעראַטאָרן און דאָס אַריבערטראָגן צו די עטליכע הונדערט משפחות וועלכע האָבן נאָכנישט געהאַט קיין עלעקטריק. בעיקר איז דאָס געווען די גאַסן פון פּרעשבורג, סטרעליסק, די. עי. ווידער, קאָזשניץ און אַרום.

גראַדע ביי די די. עי. ווידער בלווד גאַס איז וויכטיג אַרויסצוהייבן די געוואַלדיגע געטרייע אַרבעט וואָס די מענעדזשמענט האָט אַראָפּגעלייגט ביי די שטאָטישע דירות אונטער׳ן אָנפירערשאַפט פון הרה״ח רבי משה אליעזר ניימאן הי״ו און דער געטרייער מענעדזשער ר׳ אלי שפּיצער הי״ו, וועלכער האָט גלייך ביים אָנהויב פונעם פּראָבלעם געשאַפן גענעראַטאָרן און האָט איינגעשאַלטערט אַלע דירות, אַזוי אַז יעדער איינער האָט געהאַט די מינימאַלע עלעקטריק פאַר באַלייכטונג און הייצונג, אַזש אַז די אַלע דירות האָבן נישט געדאַרפט קיין שום הילף פון חברים אויפ׳ן געביט פון עלעקטריציטעט און הייצונג.

אָבער פאַר די אַנדערע וועלכע האָבן נאָך געדאַרפט גענעראַטאָרן פאַר עלעקטעריק האָט חברים שווער געאַרבעט מוצ״ש איינצושאַלטערן די גענעראַטאָרן, דאָס האָט אַריינגענומען צב״ש עמיצער וואָס איז אַהיימגעקומען פון שפּיטאָל נאָך אַן אָפּעראַציע ווען מען האָט מוצ״ש איינגערישט דאָס הויז מיט אַ גענעראַטאָר, לעקטער און הייצונג, כדי דער חולה זאָל זיך קענען געהעריג ערהוילן.

[דאָס איינקויפן די גענעראַטאָרן האָט, אגב, זיך שפּעטער אַרויסגעשטעלט צו זיין א געוואַלדיגע טובה, נאָכדעם וואָס אין די נאָכפאָלגענדע טעג האָט מען כסדר געהערט ווי אידן אין פאַרשידענע געגענטער, ווי פאַר-ראקוועי און נאָך זיצן אין טונקל, און האָבן נישט די מינימאַלסטע לעבנס-געברויכן נאָכ׳ן ליידן שווערע פארפלייצונגען אין רעזולטאַט פונעם שטורעם. אַסאַך תושבי קרית יואל האָבן זיך דערזען מיט גענעראַטאָרן ווי מיט ערבות נאָך סוכות... און האָבן עס גערן אַריבערגעשיקט צו אידן וועלכע האָבן זיך אַזוי שטאַרק גענויטיגט דערין.]

טראָץ וואס רוב שטעטל איז שוין געווען אויפגעראכטן, זענען מוצש״ק נאך אלץ געווען 500 משפחות אן קיין לעקטער, דערונטער אויך די ״בנין שערי חמלה״ די שולע פאר ספעציעלע קינדער; דער קריטיש וויכטיגער סוער פלענט; די ״בית רחל״ מיידל שולע; די ״המספיק״ ברידערהיים געביידע; און דריי וואסער קוועלער. די ווילידזש באאמטע האבן דעריבער נאך תיכף מוצאי שבת, ווי נאר מ׳האט געענדיגט אנאליזירן דעם מצב, זיך פארבינדן מיט אָו-ענד-אַר און מיט די ערוועלטע רעגירונג׳ס באאמטע, זיי צו געבן א פונקטליכן באריכט איבער וואו דער מצב האלט אין קרית יואל, און פארלאנגען אז דער קאשמאר זאל זיך שוין ענדיגן.

דאסמאל האט מען שוין יא אנגעהויבן הערן עפעס א שטיקל אנטווארט פון די אָו-ענד-אַר הויפטקווארטירן, וועלכע האבן געמאלדן אז זיי ארבעטן אויפ׳ן מצב. זונטאג פארמיטאג האט זיך די לעקטער אנגעצינדן אין שכונת ברך משה, אבער קנאפע 250 פאמיליעס אין די ד. א. ווידער/קאזשניץ געגנט זענען נאך אלץ געבליבן אן קיין לעקטער.

אויסער די קרית יואל׳ער משפחות זענען הונדערטער איינוואוינער אין טאון אוו מאנרא אויך געבליבן אויסגעשאלטערט, און די טאון רעגירונג׳ס באאמטע האבן שוין אנגעהויבן גענצליך ארויסצוגיין פון די כלים. עס איז אנגעקומען אזוי ווייט אז הארלי דאולס, דער טאון סופערווייזער, האט געווארנט אָו-ענד-אַר אז ער גייט פאררופן א ריזיגע דעמאנסטראציע ביי זייער הויפטקווארטיר אין בלומינג גראוו איבער דעם וועג וויאזוי זיי האבן באהאנדלט מאנרא און קרית יואל.

### צוריק אין חדר אריין

זונטאָג אינדערפריה האָבן די געשעפטן אין שאַפּינג סענטער זיך אָנגעהויבן צו אריענטירן נאָך די עטליכע טעג זיצן ווי אין דער טונקל. די פרידזשידערס זענען גענצליך אויסגעליידיגט געוואָרן פון גרויסע טיילן פּראָדוקטן וועלכע זענען קאַליע געוואָרן טראָץ אלע באמיאונגען, און די פאליצעס זענען צוריק אָנגעפולט געוואָרן מיט פרישע נאַרהאַפטיגע סחורה וואָס איז פריש געליפערט געוואָרן צו אַלע געשעפטן.

אינעם קרית יואל פלייש-געשעפט איז זונטאָג כמעט נישט געווען צו באַקומען קיין פלייש, אלס רעזולטאַט פון די עטליכע טעג וואס מ׳האט נישט גע׳שחט׳ן קיין פרישע עופות אינעם בית השחיטה המהודרת. דער אפעקט פון די עטליכע טעג אן א שחיטה האט זיך נאך אנגעזען א ווײלע אין די פלייש-געשעפטן.

זונטאָג און מאָנטאָג איבער׳ן טאָג זענען עטליכע מאָל אַרויסגעפאָרן גאַנצע טראָקס אָנגעפולט מיט פּראָדוקטן און אַרטיקלען, און גאַנצע אויטאָ׳ס מיט וואָלונטירן וועלכע זענען געפארן צו די אַלע געגענטער אַרויסצוהעלפן מיט די אַרבעט לטובת די אָרטיגע איינוואוינער.

מאָנטאָג אינדערפרי האָט שוין כמעט די גאַנצע שטאָט געהאַט לעקטער, און דאָ איז חברים אויך געווען פאַרנומען אויסצושאַלטערן די גענעראַטאָרן און צוריק איינצושאַלטערן די לעקטער פאַר די אַלע באַטרעפענדע.

מאנטאג נאכמיטאג איז ענדליך דער לעקטער קאשמאר געקומען צו אן ענדע, און תושבי קרית יואל האבן געקענט אנהייבן ארויסצוקריכן פון דעם פינסטערן ׳לאך׳, און זיך נעמען אפשאצן דעם שאדן פון די האריקעינ׳ס נאכווייען.

במשך די גאנצע צייט איז דער ״פאבליק ווארקס״ אנגעגאנגען אומאויפהערליך מיט זייער ארבעט אויפצוראייניגן די שטאט פון סענדי׳ס שאדנס. דאס האט אריינגענומען אויפרייניגן גרויסע שטיקער ״סיידינג״ און אנדערע גרויסע שמוץ וועלכע זענען פארשלעפט געווארן דורך די ווינטן צו סיי וועלכע פאבליק פראפערטי וואס איז אונטער׳ן קאנטראל פון די ווילידזש. ווי אויך דאס צוריקשטעלן א צאל געפאלענע ביימער און ״סיינס״ פון גאסן וועמען דער האריקעין האט אראפגעשמיסן אדער צובויגן אד״ג.

### ״פימ״א״ באזוכט אין קרית יואל

נאך וואס דער קאשמאר איז שוין ענדליך געווען פאראיבער פאר תושבי קרית יואל, האט נאכנישט יעדער שוין געקענט אנהייבן צוריקצוגיין צום נארמאלן סדר היום. דער האריקעין האט פאקטיש פאראורזאכט א גרויסע צאל שאדנס פאר אסאך קרית יואל׳ער איינוואוינער, טייל פון זיי ערנסטע, און יעצט איז נאך אלץ פארבליבן זיך צו ספראווען מיט די נאכווייען, וואכן און מאנאטן נאך וואס דער האריקעין איז שוין לאנג פארשוואונדן.

די אלע וועלכע געניסן פונעם ״סנעפ״ [געוועזענע פוד-סטעמפס] פראגראם האבן באקומען אן אויטאמאטישע העכערונג פון האלב וויפיל מ׳קריגט אין א געווענליכן חודש. און בדרך כלל האט דאס געדעקט די אלגעמיינע שאדנס וואס מ׳האט געליטן פונעם קורצשלוס צוליב די פרידזשידער/פריזער פראדוקטן וועלכע זענען קאליע געגאנגען. פארשטייט זיך אז גרעסערע שאדנס זענען נישט געדעקט געווארן

**Contact Information:**
Governor's Press Office
NYC Press Office: 212.681.4640
Albany Press Office: 518.474.8418
press.office@exec.ny.gov

**Andrew M. Cuomo** - *Governor*

Printer-friendly version

**Governor Cuomo Holds Utilities Accountable for Their Performance**

Albany, NY (November 1, 2012)

Governor Andrew M. Cuomo today sent a letter to the CEOs of the utilities that operate in New York State saying that he would take appropriate action against those utilities and their management if they do not meet their obligations to New Yorkers in this time of crisis.

Governor Cuomo's letter to the utilities is below:

November 1, 2012

Mr. Kevin Burke, Chief Executive Officer
Consolidated Edison Co. of New York, Inc.
4 Irving Place
New York, NY 10003-3598

Mr. William Longhi, President & Chief Executive Officer
Orange and Rockland Utilities, Inc.
One Blue Hill Plaza
Pearl River, NY 10965

Mr. James Laurito, President & Chief Executive Officer
Central Hudson Gas & Electric Corp.
284 South Avenue
Poughkeepsie, NY 12601

Mr. Mark S. Lynch, President
Rochester Gas & Electric Corp. & New York State Electric & Gas Corp.
89 East Avenue
Rochester, NY 14649

Mr. Ken Daly, Chief Operating Officer
National Grid – NY
One Metro Tech Center
Brooklyn, NY 11201

Mr. Thomas B. King, President
National Grid, USA
201 Jones Road – 5th Fl.
Waltham, MA 02451-1120

Mr. Michael Hervey, Chief Operating Officer
Long Island Power Authority
333 Earle Ovington Blvd., Suite 403
Uniondale, NY 11553

Dear Gentlemen:

In the aftermath of Hurricane Sandy, New Yorkers are faced with responding to its continued harsh impacts on literally every facet of life. I recognize there are men and women in the field now working hard to restore service, and we are grateful for their efforts. But it is your job to provide them with adequate resources and support to get the job done in a timely and safe manner. Utilities, like elected officials, are vested with the public's trust. In the case of utilities, in exchange for conducting business and generating profits for their shareholders, they are entrusted to provide safe and adequate utility service. When they fail to keep the public's trust, they must answer.

Because we had several days' notice of an event of catastrophic proportions, State and local government and New Yorkers prepared for an impending storm. Indeed, the public depended on utilities to prepare for such an event, respond to emergencies and to return, as quickly as possible, to providing safe and adequate electricity. The response of your companies to this emergency will be, in great part, a function of how well you prepared for it and a testament to how seriously you view this responsibility.

If you failed to prepare, however, as evidenced by your response, it is a failure to keep your part of the bargain – a failure to keep the trust that New Yorkers have placed in you by granting you the privilege to conduct utility business in New York State; in particular, the certificates of public convenience and necessity ("Certificate") granted by the State under the Public Service Law. New Yorkers should not suffer because electric utilities did not reasonably prepare for this eventuality. In the context of the ongoing emergency, such a failure constitutes a breach of the public trust.

Under such circumstances, I would direct the Public Service Commission to commence a proceeding to revoke your Certificates. With respect to the Long Island Power Authority, I will make every change necessary to ensure it lives up to its public responsibility. It goes without saying that such failures would warrant the removal of the management responsible for such colossal misjudgments.

Sincerely,

ANDREW M. CUOMO

דורך די פאר הונדערט דאלער.

אזויווי ניו יארק איז דערקלערט געווארן אלס "דיזעסטער עריע" צוליב דעם מאכטפולן האריקעין, איז יעדער איינוואוינער אין די סטעיט געווארן בארעכטיגט צו קריגן פארגיטיגונג פאר אלע שאדנס וואס ער האט געליטן ביים האריקעין – אויב עס איז נישט געדעקט דורך אינשורענס. מ'האט געדארפט אריינגעבן די נויטיגע דאקומענטן און פאפירן פאר די פעדעראלע "פימ"א" אגענטור, וועלכע פארפיגט אויף אלערליי עמוירזשענסי קריזיסן, און אזוי איז מען געווארן בארעכטיגט צו די פעדעראלע הילפס געלטער.

פאר די קרית יואל'ער איינוואוינער האט דער ווילידזש זיך ספעציעל אריינגעלייגט און ערלעדיגט אז די "פימ"א" באאמטע זאלן אראפקומען דא אין די שטאט און זיצן אין די ווילידזש'ס אפיס פאר דריי טאג, דינסטאג, מיטוואך, און דאנערשטאג ווישב איבער'ן גאנצן טאג, צו ערמעגליכן די קרית יואל'ער איינוואוינער אריינצוגעבן זייערע פארלאנגען אינאיינעם מיט די נויטיגע דאקומענטן.

צו די באשטימטע צייט האבן מערערע קרית יואל'ער איינוואוינער אויסגענוצט די געלעגנהייט און זענען ארויף אינעם ווילידזש אפיס זיך צו טרעפן פנים אל פנים מיט די "פימ"א" באאמטע צו פארזיכערן אז אלעס איז ערלעדיגן על צד היותר טוב.

## רעגירונג אויספארשונג אויף יוטיליטי פירמעס

אקוראט ווי גאווערנאר קאומא האט פארשפראכן נאך אינמיטן ברען פון די האריקעין נאכווייען, האט די סטעיט אונטערגענומען א גרונטליכע אויספארשונג איבער אלע יוטיליטי פירמעס אין ניו יארק צו שטודירן פארוואס עס האט גענומען אזוי לאנג צוריקצושטעלן די עלעקטריציטעט; פארוואס די פירמעס האבן זיך נישט געהעריג צוגעגרייט צום האריקעין; פארוואס האט געהערשט אזא מאנגל אין אינפארמאציע און שוואכע קאמוניקאציע צווישן די פירמעס און די קונדן; און וואס מ'קען טון צו פארמיידן אזוינע פראבלעמען פון זיך איבער'חזר'ן אין דער צוקונפט.

דערפאר איז אויפגענומען געווארן א ספעציעלע קאמיסיע, גערופן די "מאורלענד קאמיסיע", וועלכע האט גרונטליך אויסגעפארשט די צוגרייטונג און רעאקציע פון די יוטיליטי פירמעס איבער גרעיטער ניו יארק צום האריקעין, און ווי ערווארטעט האבן זייערע געפינסן זייער קריטיקירט די יוטיליטי פירמעס פאר א שוואכע און שאבלאנע ארבעט. טראץ וואס זייער הויפט קריטיק איז געווען געווידמעט פאר די "לאנג איילענד פאוער אויטאריטעט", באקאנט אלס "לייפ"א", האבן אבער אלע יוטיליטי פירמעס באקומען שוואכע צייכענונגען פון די אויספארשונג.

גאווערנאר קאומא איז דעריבער ארויסגעקומען זייער שארף קעגן די יוטיליטי פירמעס, און ארויפגעלייגט אויפ'ן טיש א רייע פארשלאגן וויאזוי צו קענען קאנטראלירן די פירמעס און זיי צווינגען צו זיין בעסער צוגעגרייט אויף דער צוקונפט. עס וועט נאך מסתמא נעמען א ווײַלע ביז ווען עס וועלן ארויסקומען פאקטישע רעזולטאטן דערפון, אבער האפנטליך וועט עס זיין גענוג אין צייט צו פארמיידן אן איבערשפיל פון די יעצטיגע געשעענישן אין דער צוקונפט.

די קרית יואל ווילידזש באאמטע זיצן גלייכצייטיג און מאכן אייגענע פלענער וויאזוי זיך צו ספראווען מיט אזא קריזיס אין דער צוקונפט. די ווילידזש איז נישט בכח צו טון גארנישט בנוגע די יוטיליטי פירמעס, אבער עס ווערן באטראכט פארשידענע פלענער וויאזוי זיך אויסצורישן אז אין פאל עס פאסירט יא אזא מאסיווער קורצשלוס ווי מ'האט נארוואס בייגעוואוינט זאל מען האבן גרייט די סטראטעגיע און טעכנישע עקוויפמענט צו מינערן די פראבלעמען אויף ווי ווייט מעגליך.

אויך פון די הנהלת הקהלה ווערט איבערגעגעבן אז מען באטראכט יעצט פארשידענע פלענער וויאזוי אויסצושטאטן דעם ביהמ"ד הגדול און אנדערע קהל'ישע אינסטיטוציעס מיט נויטיגע צוגעהערן זיך צו קענען גרינגער ספראווען מיט אזוינע קריזיסן אין דער צוקונפט בע"ה.

---

## קרית יואל שוין פארטיג, וואס איז מיט פאראקעוועי?

מאָנטאָג נאָכמיטאָג, ווען די שטאָט קרית יואל איז שוין געווען מסודר מיט'ן האָריקעין, האָבן זיך די חברים מיטגלידער גענומען אַרומקוקן וועמען נאָך מען קען העלפן, און קיין סאַך האָט מען נישט געדאַרפט זוכן.

די אידן אין סיגעיט און אין פאַראַקאַוועי האָבן שוין זינט מיטוואָך און דאָנערשטאָג געהאַלטן אין איין רופן אַז מען דאַרף הילף, אָבער די חברים האָבן געזאָגט אַז מען קען נישט העלפן וואָרום קרית יואל אַליינס איז אָנגעוויזן אויף אַסאַך הילף, אָבער מאָנטאָג ווען מען איז ענדליך פאַרטיג געוואָרן אין קרית יואל האָבן די חברים פירער געוואָנדן זייער אויפמערקזאַמקייט אויף אונזערע אידישע ברודער אין סיגעט און אין פאַראַקאַוועי וואָס זענען חרוב געוואָרן ביים האָריקעין.

מען האָט זיך גענומען אָרגאַניזירן אַראָפצופאָרן קיין פאַראַקאַוועי, מען האָט זיך גערעכנט אַז לכאורה וועט די הילף באַשטיין פון צושטעלן גענעראַטאָרן און עלעקטריציטעט און אַרויסצופּאָמפּן די פאַרפלייצטע הייזער. מען האָט דערפאַר צוזאַמגעשטעלט אַ גרופּע פון חברים מיטגלידער עלעקטרישאָנס' מען האָט זיך אויך אָנגעלאָדענט מיט פּאָמפּס און גענעראַטאָרן.

אָט דאָ איז אַריינגעקומען אין בילד דער געטרייער פירער פונעם קרית יואל פּאָבליק סעיפטי דעפּאַרטמענט' ר' משה לייב וויטריאָל הי"ו, וועלכער האָט צוזאַמגעשטעלט זיינע קרעפטן מיט'ן חברים קאַראַוואַן, און מען איז אַראָפּגעפאָרן מיט אַ גאַנצע פלאָטע קיין פאַראַקאַוועי, דאָס האָט אַריינגענומען די אַלע קלאַפּער-געצייג פונעם פּאָבליק סעיפטי דעפּאַרטמענט נעמליך די ליכט פּראַדזשעקטאָרן און דעם קאָמענד טראָק, און אויך די קלאַפּער געצייג פון חברים.

מען איז אָנגעקומען דאָרטן, און עס איז געווען אַ טרויעריג בילד, עס האָט אויסגעקוקט ווי אויסבאָמבאַרדירטע שטאָט נאָך אַ קריג, די בילדער זענען געווען שרעקליך, עס איז געווען אַ גאָר נעבעכדיגער צושטאַנד, די אידן דאָרטן האָבן געלעבט אין אַ געוואַלדיגן צער, וואָרום האָריקעין סענדי האָט דאָרטן פאַראורזאַכט שווערע חורבנות.

ערשט דאַן האָט מען זיך געכאַפּט אַז קרית יואל איז מינימאַל אָפּגעקומען ביים האָריקעין און אַנדערע האָבן פיל מער געליטן, אויך האָט מען זיך געכאַפּט ווי גליקליך קרית יואל איז צו האָבן אַזאַ נעץ פון גוטע אידן וואָס לאָזן נישט קיינעם פאַלן, וואָרום אין אַנדערע ערטער וואו עס איז נישט אַזוי אהערגעשטעלט, איז נישטאָ אזויפיל הילף אין פאַל פון אַזאַ מאַסשטאַבליכן אומגליק.

אָבער קיין צייט צו טראַכטן און מאַכן פאַרגלייכונגען איז נישט געווען, מען האָט זיך אַרויפגעשאַרצט די אַרבל און צוגעשטעלט צו די אַרבעט, מען האָט געשאַפן ווי מער גענעראַטאָרן, איינגעשאַלטערט ווי מער דירות מיט גענעראַטאָרן און אַרויסגעפּאָמפּט דאָס וואַסער פון די בעיסמענטס. די אַרבעט אין פאַראַקאַוועי איז אָנגעפירט געוואָרן דורך הר"ר עזריאל שפּיצער, איינער פון די חשוב'ע באָורד מעמבערס פון די חברים אָרגאַניזאַציע.

די חברים מיטגלידער האָבן געאַרבעט אין פאַראַקאַוועי דורכאויס מאָנטאָג די גאַנצע נאַכט, ביז דינסטאָג פאַרטאָגס, און דאַן האָבן זיי זיך צוריקגעלאָזט קיין קרית יואל, דורכגעווייקט און מיד, אָבער גליקליך און צופרידן אַז מען האָט געקענט העלפן אידן, און די חברים מיטגלידער זענען גלייך געגאַנגען צו זייערע טעגליכע דזשאַבס, מען רעדט דאָך נישט פון קיין אַרבעטסלאָזע לייט.

דער צושטאַנד אין פאַראַקאווער האָט אויפגעטרייסעלט דעם געוויסן פון די חברים מיטגלידער, און די פירער פון חברים האָבן באַשלאָסן אַז מען דאַרף דאָפלען די הילף, און דורכאויס דעם טאָג דינסטאָג האָט מען געמאַכט אַן עפנטליכן קאַמפּיין פאַר יעדער סאָרט הילף וואָס תושבי קרית יואל קען צושטעלן פאַר די געליטענע אידן אין פאַראַקאווער, מען האָט אַפּעלירט אַז יעדער וואָס האָט געקענטע עסן, גענעראַטאָרן, פּאַפּיר גודס, וועש, און אַנדערע זאַכן מנדב צו זיין פאַר אידן, זאָלן דאָס ברענגען צום חברים טראָק ביי מרדכי שעהר ביים ווינקל פון פאַרעסט ראָוד, און עס איז טאַקע אַריינגעקומען אַ געוואַלד מיט הילף.

דינסטאָג נאַכט האָט זיך דער בילד איבערגעשפּילט, אַ פרישע שיירה פון חברים איז אַרויסגעפאָרן קיין פאַראַקאווער, און מען האָט פאַרטיילט די הילף, איינגעשאַלטערט נאָך גענעראַטאָרן, און צוגעהאָלפן וואָס מען קען פאַרלייכטערן פאַר די אידן אין פאַראַקאַוועי.

דער אָפּקלאַנג פון די הילף איז געווען געוואַלדיג, און די אידן אין די ווייטע פאַראַקאַוועי האָבן זיך נישט גענוג אָפּוואונדערן וויאַזוי די חסידישע סאַטמאַרער אינגעלייט מיט די פולע בערד און פיאות און לאַנגע וואָלענע טליתים קטנים העלפן אַזוי געניט אידן וועמען זיי האָבן קיינמאָל נישט געזען און נישט געקענט, און מיט אַזאַ געוואַלדיגע איבערגעגעבנהייט, דער קידוש השם איז געווען געוואַלדיג.

אָט די סצענע האָט זיך איבערגע'חזר'ט יעדע נאַכט אין לויף פונעם צווייטן וואָך נאָך האָריקעין סענדי, אין וועלכע די חברים מיטגלידער זענען יעדע נאַכט אַרויסגעפאָרן קיין פאַראַקאַוועי מיט פרישע הילף און האָבן מחיה נפשות געווען הונדערטער און טויזענטער אידן וועלכע האָבן זיך געפּלאָגט זיך אַרויסצודראַפּען פון די חורבנות פון האָריקעין סענדי. די אידן אין פאַראַקאַוועי זענען אַזוי באַרירט געוואָרן פון דעם איבערגעגעבנהייט פון חברים אַז זיי האָבן מנדב געווען צוויי מאַכטפולע גענעראַטאָרן פאַר די חברים אַגענטור כדי די חברים אָרגאַניזאַציע זאָל דאָס קענען נוצן ביים העלפן אַנדערע אידן. [זעט אויך באזונדערער באריכט איבער איבערראשנדע מסיבת הכרת הטוב פאר "חברים" מיטגלידער דורך תושבי פאראקעוועי].

*

דערמיט איז געשלאסן געווארן נאך א גאלדענער קאפיטל פון דעם געוואלדיגן צדקה וחסד מיט וואס די הייליגע שטאט קרית יואל צייכנט זיך אויס, בכחם ובזכותם פון רבותינו הקדושים, דער מייסד העיר רביה"ק בעל דברי יואל זי"ע וממשיך דרכו ומ"מ רביה"ק בעל ברך משה זי"ע, וועלכע האבן אומאויפהערליך איינגעפלאנצט אין זייערע תלמידים וחסידים דעם מדת החסד אויף א פארנעם וואס האט כמעט זיינס גלייכן.

האפנטליך וועט מען אבער נישט דארפן נאכאמאל דורכגיין אזא שרעקליכן קאשמאר, און מ'וועט האבן די זכי' צו זען דעם כח הצדקה והחסד אין גוטע עפיזאדן...

U.S. Department of Homeland Security
FEMA-DR-4085-NY, Branch III
2900 Westchester Avenue
Purchase, NY 10577

FEMA

December 19, 2012

Rabbi Moses Witriol
Village of Kiryas Joel
Department of Public Safety
P.O. Box 566
Monroe, NY 10950

Dear Rabbi Witriol:

I want to personally thank you for the outstanding support you provided both FEMA and the citizens of the Village of Kiryas Joel by allowing us to utilize your facility as a Disaster Recovery Center earlier this month. The use of the conference room in the Village Center allowed residents and businesses to access information on both our Individual Assistance Program and the Small Business Administration Programs in a familiar and friendly environment. Your support to the whole community partnership has allowed the team to provide aid and assistance to our disaster survivors more quickly and effectively.

We are fortunate to have partners such as yourself and your organization suppon the community in these difficult times.

Sincerely,

Steven S. Ward
Branch III Director
Federal Coordinating Officer Cadre
FEMA DR-4085-NY

Cc: Seamus Leary, Orange County OEM




פאבליק סעיפטי" העלפט ארויס אן עלטערן איד